STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03350

DI FIR ZAYTN FUN MAYN VELT

Melech Ravitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די פיר זייטן פון מיין וועלט

MEŁECH RAWICZ / CZTERY STRONY ŚWIATA MEGO — POEMATY. WYDAWNICTWO WILEŃSKIE B. KLECKINA — WILNO 1929

גערדעקט ביי ה. גרינבערג — װאַרשע, נאַװאָליפּיע 30
DRUK — B. KLECKINA W WILNIE

PRINTED IN POLAND

מלך ראַוויטש

די פיר זייטן פון מיין וועלט

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין
ווילנע
1929

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

הקדמה 6

געזאַנג צום מענטשלעכן קערפּער 13

געזאַנג צו דער זון 31

געזאַנג פון האַס און ליבע צום יידישן פאָלק . 55

משפט איבערן טויט 101

מיט זיבן יאָר צוריק, נאָך אין דער ערשטער העלפט פון מיין לעבן, האָב איך אַרויסגעגעבן דאָס ל ע צ ט ע לידער־בוך מיינס, די „נאַקעטע לידער”. (די לאַנגווייליקע און פון קיינעם, מיט רעכט, נישט באַמערקטע „פּרעהיס־טאָרישע לאַנדשאַפטן” זענען אפילו שפּעטער דערשינען, נאָר נאָך פריער געוועזן אָנגעשריבן.) אין דער הקדמה צו די „נאַקעטע לידער” האָב איך געזאָגט: „עס איז דאָס לעצטע לידער־בוך מיינס”. איך האָב ...האַלטן וואָרט. איך בין געוועזן און געבליבן פאַרמאַכט פאַר מינוטן־שטימונגען. יאָרן, ניין טאָקע, די יאָרן זענען אַוועק. דער בוים פון מיין וועלט האָט געצייטיקט. נאָך איז ער גרין, אָבער די ערשטע בלעטער זענען שוין געפאַלן צו דער קילער ערד. עס איז פאַרביי. די „נאַקעטע לידער” זענען געוועזן דאָס לעצטע בוך מיינס פון דער ערשטער העלפט פון לעבן. די „פיר זייטן פון מיין וועלט” ווילן זיין דאָס ערשטע בוך פון דער צווייטער העלפט פון מיין לעבן.

איך לייקן נישט, איך האָב געוואָלט זיין געהערט, געלעזן, מיטגעלעבט. נאָך היינט, נאָך באַלד צוויי צענדלינק יאָרן שרייבן, ווייס איך גאַנץ גענוי, אַז קיין איינציקער מענטש אויף דער גאָרער וועלט איז נישט מיטגעגאַנגען מיט מיר אין מיין וועג, פּונקט ווי איך בין נישט מיטגעגאַנגען אויף אַלע וועגן מיט קיין איינציקן דיכ־טער. קיינעם האָבן מיינע פריידן נישט געפרייט, מיינעליידן ניט אינטערעסירט. און דאָך טרעט איך ווידער פאַר דער „נפּוטלעכקייט”, וואָס עקזיסטירט נישט פאַר מ י ר, אַפּעליר צום „לעזער”, וואָס איז

פֿאַר דער דיכטונג בכלל, און פֿאַר מיינער בפֿרט, נישט מער ווי אַן אילוזיע. וואָס אַרט אייך? זייט גוטע און נעמט נישט צו ביי דעם, וואָס איז צו אייביקער תּפֿיסה פֿאַרמשפּט, דעם גלויבן אין אַ נס. און אָט דאָס, וואָס איך שרייב דאָ, איז אויפֿריכטיק, נאָר אין פֿאַקט פֿון אַרויסזאָגן דאָס עפּנטלעך איז פּאָזע. און אפֿילו אין דעם מודה זיין זיך צו פּאָזע, איז דאָ מער פּאָזע, ווי אויפֿריכטיקייט. אָט דאָס לעצטע האָט מיר שטענדיק געזאָגט מיין פּרץ מאַרקיש. און אויך אין אָט די לעצטע ווערטער איז פּאָזע.

ליבער לעזער! דו, וואָס ביסט נישט מער ווי אַ קראַנקהאַפֿ־טער גראַפֿאָמאַן, אָדער אַ ביי־זצונגיקער שפּעטער — אַ חבר־דיכטער, אָדער גאָר פּוסטע לופֿט, אָט האָסטו מיין ניי בוך, די פֿיר פּאָעמען פֿון מיינע לעצטע זיבן יאָרן, די פֿיר זייטן פֿון מיין גאַנצער וועלט. נעם נישט פֿאַר אומגוט אָט די עטלעכע קורצע קאָמענטאַרן:

ד אָ ס ג ע ז אַ נ ג צ ו ם מ ע נ ט ש ל ע כ ן ק ע ר פּ ע ר —

עס זענען די לעצטע בליטן פֿון דעם אָפּגעדאַרטן בוים פֿון מיין אָפּטימיזם. עס איז נישט מ יין געזאַנג. עס איז אַ פּאַראַפֿראַזע צו וואָלט וויטמען מיט ניין און ניינציק טיילן וואַסער פֿון מיין איי־גענעם דיכטונגס־כּוח. אַזוי האָב איך אַמאָל געגלייבט אין דעם מענטש. איידער איך האָב אים דערקענט. אים — מיך אַלץ־איינס. דער גלויבן וועט ווידער קומען. די ליבע האָט זיך סיי ווי נאָך נישט אויסגעלאָשן קיינמאָל. און ליבע קען אייביק און אומגעריכט ברענגען ניי לעבן.

ד אָ ס ג ע ז אַ נ ג צ ו ד ע ר ז ו ן —

איז דאָס געזאַנג צו דער איינציק, דערווייל דענקבאַרער און לאָגישער פֿאָרם פֿון גאָט. עס איז געוועזן פֿאַרטראַכט אַ געזאַנג פֿון גאָט־בענקשאַפֿט. עס זענען אויפֿגעשריבן געוואָרן די ערשטע שורות און פּלוצים איז אויף דעם אָרט, וואו עס האָט געדאַרפֿט שטיין צום ערשטן מאָל ג אָ ט געשטאַנען דאָס וואָרט ז ו ן. און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אַזוי און נישט אַנדערש האָט עס לכתּחילה געדאַרפֿט ווערן פֿאַרטראַכט. דערווייל האָבן מיר בלויז אַ ספּעקולאַציון און אַ

פילאָזאָפישן גאָט און ביז מען וועט אויסטראַכטן דעם פּאַקטישן גאָט בלייבט דאָס נאָענטסטע, פאַקטישע געטלעכע — די זון. דאָ אויף דעם אָרט אַפּעליר איך צו אַ בעסערן יידישן דיכטער פאַר מיר, אָנצושרייבן אַזאַ געזאַנג צו דער זון, וואָס יוגנט אין שולן זאָל לערנען און זינגען שטאָט אַבסטראַקטער גאָט־רעליגיע און גאָט־תּפילות. אין מוטיקע חלומות האָט עס מיין געזאַנג צו דער זון געוואָלט זיין און זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געוואָרן.

ד אָ ס ג ע ז אַ נ ג פ ו ן ה אַ ס א ו ז ל י ב ע צ ו ם י י ד י ש ן פ אָ ל ק —

איז דער אָנהויב פון דער פּאָעטישער באַגרינדונג פון דער אַנאַציאָנאַליסטישער טעאָריע אין מ יין וואַריאַנט. איך קען נישט ליידן דעם נאַציאָנאַליזם. און נאָר מענטשלעכן רחמנות פיל איך צו די נאַציאָנאַליסטישע דיכטער פון אַלע פעלקער און פון אונזער פאָלק אויך. פון נויט, ווייל קיין אַנדער באַוועגונג איז דערווייל נישטאָ, באַקען איך מיך איצט צום אינטערנאַציאָנאַליזם. אָבער דאָס איז נישט מער ווי אַ סורראָגאַט, אַ דערווייליקע זאַך. אויף איינמאָל און עלעמענטאַר — און דאָס איז מיין שענסטער גלויבן, פונקט ווי מיין גלויבן אין וועגעטאַריזם, וועט אויסברעכן, אַזוי ווי אַ ליבע אין אַ דערוואַקסן מענלעך האַרץ ברעכט אויס, אין דעם דערוואַקסענעם האַרצן פון דער מענטשהייט, די שטרעבונג צום אַנאַציאָנאַליזם. וואַרפן וועט מען די נאַציאָנאַליסטישע טראַדיציעס אין די טייכן אַריין, פאַרברענען די נאַציאָנאַלע סענטימענטן אויף העלפלאַקערדיקע שייטערס. פאַרזינגען מיט געזאַנגען צו דער זון די אינעווייניקסטע געשרייען פון די טויזנט־יעריקע געשיכטעס. וואָס איז דען ווערט די טראַדיציע פון דער גאַנצער יידישער, אָדער וועלכן נישט איז אַנדערן פאָלקס געשיכטע אַקעגן דער טראַדיציע פון איין מענטשלעכן בליק מיט די אויגן, פון מענטשלעכן פילן דעם ריח פון ערד, די שטראַלן פון זון, פון געבוירן מענטשלעך קינד פון בלוטנדיקן מענטשלעכן לייב אַרויס. וואָס מאַכט איר זיך בלינד און טויב! פאַרשטייט איר דען דאָס נישט אַליין!?

דורך די שורות פון דעם געזאַנג פון האַס און פון ליבע צום יידישן פאָלק ציט דער ליכטיקער שטראַם פון מיין יידישן גלויבן, אַז דעם יידישן פאָלק וועט עס זיין באַשערט צו זיין דאָס ערשטע אַנטפּאַלקטע, די ערשטע פּאַרמענטשטע עדה פון דער וועלט. דווקא דאָס געזאַנג פון האַס און פון ליבע איז די אָפּטימיסטישסטע זייט פון די פיר זייטן פון מיין וועלט.

דער מענטשלעכער משפּט איבער דעם טויט — איז אַ קעגנשטיק צום געזאַנג צו דער זון. געשריבן מיט מענטשלעכער, נאַרישער שרעק פאַרן טויט, אָבער אָן אַ שאָטן פון פּעסימיזם.

דער עפנטלעכער משפּט איבער דעם טויט און צוגלייך דאָס ערשטע און לעצטע בוך פון מיינע **פּאָעמען** פאַרענדיקט זיך:

אונזער גרויסער האַר, אונזער גוטער קנעכט,
טויט,
איך ווייס נישט פאַרוואָס,
נאָר דו ביסט גערעכט. —

אויפגעשריבן די פיר פּאָעמעס, געוואָלט ווייטער גיין און נישט געקענט, איידער זיי זענען נישט געבונדן אין אַ בוך. אין אַ בוך, אין אַ פרעמדער זאַך, אונטערגעשריבן מיט אַ צופעליקן נאָענטן, מיטן אייגעגעם נאָמען. האָבן עטלעכע פון פּאָעמעס געפלאַטערט נישט פאַרענדיקט און דאָס גאַנצע צוזאַמען האָט זיך נישט געבונדן. האָב איך מיך אומגעקערט אויף עטלעכע טעג אין מיין היים צו אַלטע טאַטע־מאַמע, און דאָ ערשט איז געקומען די אָריענטאַציע צוריק. דאָ ערשט איז געקומען קלאָר איבערן מוח דער גאַנצער זין פון דעם אומזין, און דער גאַנצער אומזין פון דעם זין. אַט זיץ איך דאָ ביים שיין פון אַלטן נאַפטלאַמפּ, די שטילקייט קלינגט אין מידע אויערן מיט טויזנט פאַרשידנשטימיקע גלעקער. דער שטעטלשער מאַרק, דער וועלט־האַריזאָנט פון מיין קינדהייט, ליגט איינזאַם און טויט און טיף־שוואַרצע נאַכט איבער אים, אַלטע טאַטע־מאַמע אין די בעטן אַנטקעגן מיר — איינער אַליין בין איך וואַך אין דעם גאַנצן שטעטל אַצינד, אויף

דער גאַנצער וועלט אַצינד. די מאַמע וועקט זיך פּלוצים איבער, גיט אַ קוק מיט פאַרוווּנדערטע אויגן אויף מיר און דעם גאַנצן אומזין פון מיין טון דערפיל איך פּלוצים מיט אַ קאַלטן ציטער אין אַט דעם בליק פון מיין מאַמען. און אין אַ רגע שפּעטער זאָגט דער טאַטע מיט צוגעמאַכטע אויגן: „צייט צו שלאָפן, אַ מענטש דאַרף רוען". און ערשט מיט צוויי שעה צוריק האָבן מיר געבלעטערט דעם אַלבאָם מיט די אוראַלטע פאַמיליענבילדער מיט דעם יונגן ברענענדיקן פּנים פון מיין פאָטער פון פאַר פערציק יאָרן און דעם וואונדערלעכן קלאַסישן פּנים פון מיין מוטער פון פאַר פערציק יאָרן. און אין צוואנציק יאָרן אַרום וועל איך אויך צו מיין זון זאָגן: „צייט צו שלאָפן, אַ מענטש דאַרף רוען"!

און אַזוי ווי דאָס שטעטעלע זעט נישט מיין וואַכזיין, אַזוי וועט קיינער נישט זען מיין וועלט אין אַט דעם בוך. און אַזוי ווי אומזיניק איז דאָס איצטיקע וואַכזיין מיינס, אַזוי אומזיניק וועט זיך פּלאָנטערן דאָס בוך, וואָס איך בינד עס איצט אין אַט דער שפּעטער נאַכט־שעה אין איין בונד און גיב עס אַ נאָמען: די פיר זייטן פון מיין וועלט.

און אויב עס וועלן זיך געפינען דריי צדיקים, וואָס וועלן מיר טון די מענטשלעכע טובה און איבערליינען דאָס בוך, שיק איך זיי היינט נאַכט שוין אַ גרוס, און אויב עס וועט זיך נאָר איינער געפינען — וואָס קען מען זיך העלפן?

זון, זיי נאָך מיט מיר! נאָך וויל איך שרייבן, נאָך וויל איך מאַכן אַ לעצטע אָנשטרענגונג און איבערלאָזן אַ סימן, אַז איך בין דאָ געווען אויך אַ גאַסט אויף דער ערד. ווייל דאָס ביזאיצטיקע „ווערק" איז נאָך קיין סימן נישט.

און אויב די זון וועט מיר ביישטיין — איז גוט.

און אויב נישט — איז דאָס מיין ווידוי געווען.

מ. ר.

רעדים, דעצעמבער 1927

געזאַנג
צום
מענטשלעכן קערפער

געזאַנג צו דער זון.
געזאַנג פֿון האַס און ליבע צום יידישן פאָלק
משפּט איבערן טויט

א בערדיקער, פון רעגן און שטויב, פאַר־
זשאַווערטער בעטלער
איז היינט אויף צוויי הילצערנע פיס
געשטאַנען
פאַר דעם טויער פון מיין הויז, און
פון מיין אַרבעט־פולן פרימאָרגן.

אַ בלינדער סאָלדאַט האָט מיך אָנגעקוקט היינט
מיט זיינע צוויי בלוטיקע אויגן-ריינעס.
אַ קינד האָט מען איבערגעפאָרן אין גאַס,
און מ׳האָט אים דאָס גאָלדענע קעפל צעקוועטש,
אַזוי ווי אַ צוגעטרעטענעם עפל.

בין איך אַנטלאָפן צו מיין ווייב,
און האָב זי געקושט אין די קני
אומפאַרשטאַנען און לאַנג.
און כ׳האָב זי געקושט אין דער מוטער־ברוסט,
מיט וועלכער זי זייגט מיינע קינדער אין שלאָפלאָזע נעכט.

ווען די קינדער וואַקסן אויף איר לייב,
אַזוי ווי גראָזן אויף דער מאַמע־ערד.
האָט זי דעם קאָפּ מײַנעם אויפגעהויבן,
און האָט מיר געקוקט אין די אויגן,
פאַרוווּנדערט און לאַנג.
האָב איך איר געזאָגט:
— ס׳איז גאָרנישט, מײַן ווייב,
באַר אָט די הענט, וואָס דו האַלסט איצט אין דײַנע
זענען צוויי מענטשלעכע הענט —
און אַז מען האַקט אַזאַ האַנט אַראָפּ
וואַקסט זי שוין קיינמאָל נישט מער צוריק.
און אַז מען הויבט אויף אַזאַ פּניאַק פון אַ האַנט,
גיט זיך אַ טרייסל מאַכטלאָז דאָס קלייד
מיט דעם ליידיקן חלל,
וואָס איז אַ געשטאָרבענע האַנט.
און מיט מײַנע הענט, וואָס זענען נאָך גאַנץ,
און זענען נאָך הײַנט.
וועל איך שרײַבן הײַנט נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט,
דאָס געזאַנג צו דעם מענטשלעכן קערפּער,
כּל־זמן די אויגן פירן די הענט.

ווייל עס זענען פאַראַנען הענט וואָס פוילן אין דער ערד,
אַראָפּגעבראָכענע פון שווערטן אָדער פון מאַשינען,
און דאָס איבו־יקע לייב וואַנדערט מיט אָפענע אויגן

אויף דער גאָרער וועלט און קוקט אַרויס פול תאוה,
ווי דער פאַרברעכער פון דעם תפיסה־פענסטער
צו די מענטשן, וואָס גייען ווייטער, ווי די ד׳אמות פון זיינע
פיר ווענט,
און קיינער שטעלט זיי נישט אָפּ.

און הענט פון מאַמעס זענען דאָ,
וואָס זענען דין און דאַר און געל
און האַלטן אייביק קינדער שרייענדיקע אויף זיך,
ווי די באַנטעס פון א הינער־שטייג,
און הענט געלעמטע מיט פינף צעשראָקענע איינגעקאָרטשעטע פינגער,
וואָס זיצן ווי אבלים ביינאַנד,
און ווילן פאַרגעסן דאָס בליענדיקע לעבן, וואָס איז ערשט
אַדאָ געווען.

און הענט פון ברוינע, פאַרמעטנע בעטלערס אַרום די מויערן
פון אַלטע קלויסטערס אין פאַרגעסענע שטעט,
וואָס נאָר די מאַמע־זון שיט רייך דאָס גאָלד פון ליכט אין זיי,
ווייל אויך זיי זענען אירע געליבטע, געצערטלטע קינדער,
דער ווינט פאַטשט אין אָסיען רעגן אויף זייערע פלאַכן,
און גייען אויס מיט ציטערדיקן הונגער נאָך א ביסן שוואַרצן
ברויט.

און הענט באַוואַקסענע מיט האָר,
וואָס בויען די שטייגערנע הייזער און פאַקן מיט דעם רודער
פון די שיפן, וואָס ברענגען פרוכטן צו די האַפנס
פון די גרויסע שטעט.

און הענט פון יונגע פרויען, האָראָפּאַשנע אַרבעטאָרינס, וואָס
שטרעקן אויס זיך אומפאַרשעמטע און געזונטע, ווי די
חיות, נאָך דעם מענערישן זאָמען און פירן אים צו
זיך אין לייב, וואָס זאַפּט אים איין, ווי ערד דעם רעגן,
צו ווערן ענדלעך אויפגעשוואָלן פון דער פרוכטבאַרקייט.

און הענט פון אַלטעטשקע באָבעס, וואָס גאַרן נאָך אַביסל וואַ-
רעמקייט צו גלעטן און שרעקן אָן די קליינע קינדער
מיט זייער ביינערדיקן טעם, בלייבן הענגען אין דער
לופט און שטאַרבן.

און הענט, וואָס זענען גראָב און האַרט, און שוואַרץ און פעט,
ווי יאַטקע-קלעצער, און האָבן שטענדיק אויף זיך
שפּורן פונם בלוט, און האַקן העק און זעגן אין דעם
פלייש אַריין, ווי דער האָלצהעקער אין האָלץ.

און דער זין פון מיינע פעטע הענט איז מיר נישט פאַרשטענדלעך;
נישט קיין בייז און נישט קיין גוטס האָבן זיי דער וועלט
געברענגט.

אָבער די וועלט ברענגט זיך אַליין צו זיי
און גיט זיך אַוועק צו זיי,
און אָפּט פילט אָן זיי ביז איבער ברעג דער זיסער טעם פון
צאַרטע פרויען-בריסט.

אָ, ווען מען וואָלט זיי אָפּגעהאַקט, מיינע הענט,
און ווען די ווערעם וואָלטן זיי געשיילט אונטער דער ערד,
וואָלט דאָך די וועלט איין רגע נישט געקלערט פון זיי,

אַחוץ מיין ווייב און מיינע קינדער, וואָס וואָלטן דאַן געוואָרן
יונגע בעטלערקעס אויף די גאַסן פון די גרויסע שטעט.
אָ, ווי שפּאַרן זיך די געזונטע פויסטן מיינע אויף דער גראָ-
בער יידענע, וואָס גייט פאַרביי ביי די בעטלדיקע
הענטלעך פון מיינע קליינע קינדער.
און קיינער וואָלט גישט מער געדענקט אָן מיינע הענט.

אָבער נאָך די ווארעם-זאַטע מילך-בריסטן פון דער דאָרפי-
שער אַם,
וואָלט דאָס קליינע, קווימשנדיקע פּיסקל פונם בגידל, וואָס ווערט
אַמאָל דער אַלטער פרוי אין דאָרף באַפעלן: אַרבעט
אויף דיין ברויט!
פּאַרוויאַנעט, ווי אַ בלימעלע אַן אַפּגעריסנס,
ווי אַ מאָכיק, געלינק פייגעלע פון אַ נעסט אַן אָפּגעריסענער.

און ווונדערלעך זענען די ברוסטן פון די לונגענליידנדיקע
פרויען,
און הענגען ביי דער גסיסה (אַלע מענטשן ליגן אויף דעם
רוקן, ווען זיי שטאַרבן)
אַראָפּ פון זייער שטאַם,
איינע רעכטס און איינע לינקס,
ווערן אויסגעקילט און קיינמאָל נישט געקוושטערהייט באַגראָבן,
און צוגעקוועטשט מיט ערד צום שטאָם אונטער דעם שניי פון
די תכריכים.

און בריסטן זענען דאָ, וואָס הויבן קוים די גלייכע ליניע
פונם לייב,

ווי די פלאַנצן מיט די קעפּ געבויגענע נאָך אונטער ערד,
וואַרטן אויף דעם ערשטן רעגן און גיבן זיך אַ הויב און אַ
בלי־אויף.

און בריסטן זענען דאָ מיט רויזן צאַרטע ווי די פּאָנקעס,
אַמאָל רויזנפאַרביק און רויט אין מיט, ווי אַ טראָפּן פריש־
געקוואָלן בלוט.
און אַמאָל ברוין און גרויס, ווי גרויסע קופּערנע מטבעות,
און שוואַרץ אין מיטן ווי אַ טראָפּן קאַרשן־בלוט.

נישט נאָר די רויז, נאָר אויך דער קרעבס וואַקסט אויף דער
ברוסט,
דאַן זענען זיי פונאַנדערגעבליט, ווי אַן איבערייפע פרוכט
און קרענקלעך-רויט פון צוזעצנדיקער היץ און צופאַלג־
דיקן בלוט און זענען אָנגעשוואָלן און שטאַרן ווי
דער באַרג, אויף וועלכן דער ביינערדיקער מלאך
דאַרף באַלד איינפלאַנצן דעם צלם פון טויט פון יע־
נעם גאַנצן לייב,

און בריסט, וואָס זענען מאַמעס, און פאַרקויפן זיך פאַר געלט
און זיידן־הויטן צו ציניש נאַרן־זשורנאַליסטן מיט
גלאַטיק פּאָמאַדירטע, שיטערע קעפּ־האָר, צו פּערווערזע
מעשים, און פּראָפּאַגירן די הייליקייט פון דער
פּערווערזיטעט,
ווי דער יונגער מעדיצינער, וואָס באַטאַפּט דעם שוואַנגערדיקן
בויך פון אָרימע פרויען אין די אומזיסטיקע קליניקן
צוליב וויסנשאַפט און סטודיום.

ווייל דער בויך איז הייליק!

אפילו דאָס קליינע געשוואָלענע בייכעלע פון דעם קינד מיט
דער ענגלישער קרענק
דאַוונט צו גאָט יעדן מאָרגן מיט אַזאַ מין קראַפט נאָך דער
גענעזונג, ווען עס קען נישט פאַרדייען דאָס גלאָז
מילך, וואָס די מאַמע גיסט אים זאָרגפול אין דינ-
ליפּיקן מײַלעכל אַריין.

און דער עלאַסטישער, מוסקוליאַרנער בויך פון די פּראָפעסיאָ-
נעלע אַטלעטן,
וואָס פאַרקויפן די פּראַכט פון מוסקול-רינגען און טרעפן פּאַר געלט
צו די אויגן פון פרויען פון אימפּאָטענטע מענער.

אין דער ווייסער, רונדער בויך פון דער יונגער פרוי,
וואָס פון דעם מיטן-צייכן זיינעם אָן, ביי וועלכן מען האָט אים
אָפּגעשניטן פאַר צוואַנציק יאָר פון איר אייגענער
מאַמעס בויך, שורהט זיך
געשלעכט צו געשלעכט.

דור צו דיר איז דאָך אין אַ גלייכער שורה פאַרבונדן, נישט
מיט דעם קאָפּ און נישט מיט אַן אַנדער גליד,
נאָר מיט דעם בויך —
און פון דעם סימן אָן, דעם יחוס-זיגל פון דער מענטשהייט
ביז צו דער ווילדער, ברוינער טיגער-מוטער חוה, מיט
אירע, צו יעדן נייעם פרילינג, ליידנשאַפטלעך-באַוועגטע
נאָזלעכער, ביי וועלכן מען שניידט אָפּ דעם נייעם

דור פון דעם אַלטן דור, ציט זיך דאָס שאַטנדיקע
דרייעק, ווי געשלעכט אין געשלעכט גייט ווידער איין
און געבויערט די וועלט.

דעריבער פיל איך לייכטן אין די נעכט פון מיינע פרילינגען,
גליענדיק לייכטן, ווי אַ שטערן־יוועל איבער דעם קאָפּ פון
דעם געניוס־אַנדרוגינות פון דער מענטשהייט, וואָס איז
אפשר גאָט, דעם טויער פון דער פרוי,
דעריבער פילט אים אויך די פרוי גליענדיק לייכטן ווי אַ מיס-
טישן יוועל אין די נעכט פון איר פרילינג,

דעם מאַן,
וואָס גייט גלייך און שטאָלץ און אָנגעשטרענגט און קלערנדיק
נאָר איין מחשבה, אַריין אין איר טויער,
וואָס לאָקט אים מיט געזונטן ריח, צו וועלכן ער שטרעקט זיך
מיט אומבאַצווינגבאַרער חלשות, ווי דער הונגעריקער
צו דעם ריח פון פרישן ברויט, וואָס עטעמט נאָך
מיט היץ —
דעריבער איז ער מקריב אין דעם טויער די ערשטע און די
לעצטע מטבעה פון זיין עשירות און פון זיין אָרעמ־
קייט, פון זיין מענלעכקייט —

אָבער ווי איז צו דער קראַנקער פרוי, וואָס ליגט געבראָכן,
ווי אַ דאַרער, פון בליץ געקעפּטער שטאַם אויף דער
ערד, און די לעצטע קינדער וואַקסן נאָך אויף איר,
ווי די צווייגן אויף יענעם שטאַם, וואָס האָט אָבער
נאָך נישט פאַרלוירן איר פרוכפּערדיקייט!
און ווי איז צו דעם מאַן, וואָס אָנאַנירט אויף אַזאַ געבראָכע-

נעם שטאַם, וואָס גאַרט צו שלאָף און קריגט דעם
ביישלאָף אין ליב אַריינגעשטויסן!

ווייל דאָס לעבן זע איך נאַקעט,
דעריבער נעם איך מיך אָן פאַר די ליידן פון די שווייגנדיקע
פרויען.
דעריבער רעד איך נאַקעט וועגן דעם וויי,
וואָס זיי פאַרדעקן און באַהאַלטן.
און כזע: אין ווייסן, באַלעבאַטישן דאָפּלבעט,
באַגלאַנצט פון דער לבנה, לייכט איר לייב ווי פּערלמוטער,
און ס'קאָרטשעט זיך איר לייב אונטער אַכזריותדיק ברייטע הענט
פון איר מאַן,
און אירע שאַרפע ציין פאַרהאַקן זיך,
ווי אַ קלאַמער מיט איר גאַנצער קראַפט
אַרום איר סוד, אַרום אַ ווילדזיסן נאָמען
דער פּרוכט פון איר חלום,
וואָס רייסט זיך מיט דעם גאַנצן צער פון צייטיקייט
פון איר מויל אַראָפּ.
און ס'וואַקסט אַרויס פון טיפער נאַכט
און פון פרעמדן לייב, וואָס הויערט ווילד אויף איר,
ווי אַ חיה אַ בלוטדאָרשטיקע — אַ דאָרשטיקע נאָך ליבע,
וואַקסט אויס אַ הייסצופלאַמטע שפּיציק־שאַרפע פראַגע,
און לעקט מיט איר גליענדיקער צונג דאָס האַרץ פון דער פרוי,
ווי אַ חיה, איידער זי פרעסט אויף דעם פאַרציקטן רויב:
זאָג, האָסטו מיך ליב? מיך איינעם בלויז? שטאַרק?
און וועסט מיר מיט דיין לייב אויסטראָגן אַ קינד?
אונזערס? אונזערס?

ווערט לויז און לויזער די קלאַמער פון די ציין,
און ס׳שרייט דאָס בלוט פון יענעמס נאָמען
אין דער נאַכט אַריין —
ניין! ניין!
און עס אַנטלויפט איר האַרץ, קלאַפנדיק מיט גיכע, ציטערנ-
דיקע שריט
פאַר דעם צווייטן, פאַר דעם מענלעכן, פאַר דעם פרעמדן האַרץ
וואָס יאָגט איר נאָך מיט ווילדע, האַרטע קלעפּ,
און איז שוין נאָענט, נאָענט,
אָט וועט עס אַ כאַפּ טון באַלד,
און ווידער פרעגן, ווילדער נאָך.
נישטאָ זיך צו באַהאַלטן וווּ.
בלייבט פּלוצים שטיין איר האַרץ,
ווי אַ הונגעריקער געכאַפּט ביים גנבענען אַ לאַבן ברויט.
און בלויז אַ גרויסע און אַ וואַרימע טרער
בלייבט הענגען אָנמעכטיק אין ווינקל פון איר אויג,
האָט מורא צו קייקלען זיך אַראָפּ,
און טרוקנט לאַנג און זאַלציק אין דער נאַכט,
ווען דער מאַן נעבן איר
כראָפּעט שוין אומשולדיק און זאַט מיט איר לייב.
אָבער ווען איך זע דאָס אויג פון דער פרוי אין דער פרי
דערקען איך זי,
דערקען איך די שוועסטער פון מיין האַרץ.
איך בין מיט איר.
ווייל איך בין דער דיכטער פון דער נשמה פון פרויען,
און דער דיכטער פון זייער לייב,
ווייל זייער לייב און נשמה איז איינס.

אונ דער דריטער בין איך אין אַלע צעבראָכענע היימען
פון דער וועלט.

ווייס, אַז יעדע פרוי, וואָס גייט מיר אַקעגן אין גאַס זע איך
נאַקעט.
מיט דער קראַפט פון דעם מענלעכן אויג רייס איך אויף דאָס
קלייד, וואָס איז אַ פאַרשעמטער אָבער אַ פרעכער ליגן,
ביז הויך איבער די קני,
און באַוווּנדער די פּראַכט פון אירע פיס,
אויך ווען איר פּנים איז אַלט און אָרעם.

דער כּוח פון דער גאַנצער סעקסואַליטעט אין דער וועלט איז
אין די פרויאישע פיס,
ווען דער מינסטער פינגער פעלט פון דער גאַנצקייט פון דעם
פרויאישן פוס
איז איר מאַן ליידנשאַפטלאָז און קאַלט —
און אַזאַ דור, וואָס קומט אַרויס דערפון וואַקסט קאַלט, ווי דאָס
ווייסע גראָז, וואָס וואַקסט אין קעלער אָן אַ זון —

מיט דעם צאַרטן בויג־אַרויף פון דעם פרויאישן פוס הויבט זיך
העכער די מענטשהייט פון געשלעכט צו געשלעכט —
און מיט דעם בויג פון אירע קניען האַלט זי דעם מאַן, ווען
זי ליגט און וואָלט געוועזן מאַכטלאָז.

דערפאַר שוועלט אויף דער שטראָם פון טרויער אין מיין ברוסט
מיט יעדן פרויען־פוס,
וואָס איז געשוואָלן פון דער צוקער־קרענק —

און אַז איך זע אַזאַ אַלטע פרוי קריכן קוים איבער דער וועלט,
לויף איך אין גאַס און זוך אַ יונגע מויד, וואָס טרעט נאָך
זיכער און שטאָלץ,
צו באַרויקן מיך, אַז די וועלט גייט נאָך נישט אונטער.

און ווייל עס האָט געקענט געשען אַזוי, אַז מיינע אויגן זאָלן
זיין פאַרגאַסן, רויט און צוגעקלעפּט
אַ יעדן אינדערפרי, אָדער מיט אַ בלוינער הויט באַצויגן און
געשטאָרבן אינמיטן לעבעדיקן פּנים, פאַרגעסן ווי אַ
מת, וואָס ליגט צו לאַנג אינמיטן פון דער לעבע־
דיקער גאַס,
עפן איך זיי ברייטער, ווען איך קוק מיר אָן מיין וועלט איעדן
אינדערפרי.

ווייל וואָס איז דען נישט מיין איעדן אינדערפרי?
די זון קוק איך מיר לענגער אָן, ווי אַ יעדער אַנדערער, וואָס
גייט אַרויס אין גאַס מיט מיר איעדן אינדערפרי.
און דעם בלויען הימל מעסט איך אויס גענויער, ווי אַ יעדער
אַנדערער איעדן אינדערפרי,

די פאַרבן פון דער גאַס
מיש איך אויס אין אויג און טרינק זיי מיט אַ הויכער ברכה.
מיט די אויגן פון די פאַרבייגייער פאַרברידערט זיך מיין האַרץ.
שיקט אַ גרוס צום בעטלער, אַזש ער ווערט האָפּעררדיק,
אַפילו דעם אַלטן מיידל שענק איך אויך מיין בליק.
נאַ!
און זי באַהאַלט אים אין שקעטעלע פון אירע זעלטענע זכרונות.
דאָס יונגע מיידל צווינג איך צו דערזען מיך און צו קלערן

פון מיר נאָך גאַנצע צוואַנציק שריט צייט.

דער באַוווסטער מענטש גייט אין גאַס רויק,
און דער בליק לויפט פאָרויס און טרומייטערט זיינע סודות אויס,
און דעם פאַרשטעלטן מענטשנס בליק איז אָן אים אָנגעהאָנגען,
ווי דער טאָוול אָן דעם בלינדן בעטלער:
איך בין דער און דער און דער!
כאָטש ער אַליין זעט אים קיינמאָל נישט.

און נישט איין צאַרטן מיידל-קאָפּ האָט אַ בליק געראַטעוועט
פון שקלאַווערײַ און אונטערגאַנג,
ווען פון דעם מויל פון איר חתן איז געריבען האָניק,
אָבער פון זיין בליק האָט געריגען ווילדע תאווה, ווי די סלינע פון אַ הונט,
און געוואָרנט איר אינסטינקט פון פרויעשער צאַרטקייט.

דאָך מאַנכמאָל ווערן פייכט און גלאַנציק די אויגן פון דעם יונגען פאָר,
און קוקן ווי די קינדער-אויגן, וואָס וואַרטן
אונטער די טויערן פון זייער נאָך פאַרשלאָסן לייב.
פיר זיי צו אַ חופּה-בעט,
בוי פאַר זיי אַ היים.
ווייל זיי זענען הייליק און זענען די האָפנונג פון דעם גאַנצן
לעבן, ווי אַ יעדעס פאָר פון נחס שווימענדיקער,
נייער וועלט.
זאָל מויל צו מויל זאָגן דאָס דערלייזנדיקע וואָרט:

דו!
און ווערן איינס.

די פרייד, נאָר די פרייד, זוכט זיך צו אַנטפּלעקן אין די אויגן,
דער ווײ זוכט זיין וועג צום מויל,
לײגט זיך אַרום אים, ווי אַ שלאַנג און פּרעסט עס צו,
און דאַן קומט אָפּגעהאַקט דער רוף, וואָס רײסט זיך פון דעם
גאַנצן קערפּער,
און רופט זיך מיט דעם אויסגעהוילטן נאָמען: קרעכץ.
אָדער ציט זיך דין און לאַנג, ווי דער אינדערפרײעדיקער רוף
פון די פאַבריקן, וואָס שלעפּט די מידע,
מענטשלעכע גלידער, ווי מיט שטריק פון די בעטן אַרויס,
אַזוי שלעפּט ער דיין אײנגעשלאָפן געוויסן פון זיין געלע-
גער אַראָפּ.
און אָן די ווינקלען פון דעם מויל וועסטו דערקענען די טיפע
זאָרג פון דער פרוי, וואָס איז פאַרגאַנגען אין שוואַנ-
גערשאַפט און איז אָן אַ נעסט,
און צען יאָרן נאָך דעם טויט פון אַ קינד וועסטו עס נאָך
טויט געפינען ליגן ביי זיין מוטערס מויל.

ביי די טויטע ווערט דער בליק, דער טויער פון זייער פרייד,
אײנגאַנצן פאַרגליווערט, ווי אַ טויט שטיק גלאָז,
אָבער אויף די ליפּן ווערט פאַרגליווערט דער שמייכל, מיט
וועלכן יעדער שטאַרבנדיקער שמייכלט פול איראָניע
צו דעם גרויסן גאָט אין הימל,

דעריבער האָבן מערדער, וואָס זענען אָן אַ האַרץ,

אַ מויל, וואָס איז געשניטן ווי פון צוויי שטיקלעך האָלץ, ווייל
זיי פילן קיינמאָל נישט קיין ווי. אָן זייער מויל
וועסטו זיי פון דער ווייט דערקענען —

אין איצט איז פרי,
העל ווערט אין דער נאַכט.
איעדער טאָג איז נאָר אַ ווייסע פּאַסמע אין דער אייביקער
נאַכט, וואָס ליגט אויף דער וועלט, און ליגט אויף
דעם מענטש, וואָס קריכט דורך דער נאַכט פון איי-
ביק זוכן נאָך גאָט.

איצט, הערשער אימפּעראַטאָר,
קאַלטער מח
בין איך ביי דיר.

העל ליגט פאַר דיר אויף ווייסן פּאַפּיר,
געשריבן מיט דער שאַרפער פעדער פון פּאָעטיק,
געטונקען אין טינט פון מיין אייביקער נאַכט,
דער מאַניפעסט
פון די 247 זבונטעוועטע, פרייע, אַנאַרכישע רעפּובליקן,
דער איבער-פּאַנטעאיסטישער מאַניפעסט
פון דער לעצטער פאָרם פון אַנאַרכיע.
און פאָדערט אָנערקענונג און פרייע באַשטימונג פאַר איעדער
פון זיי,

ווייל אַלע זענען זיי באַזונדער אַ וועלט פאַר זיך,
אַזוי גרויס און אַזוי געוואַלטיק
אומפאַרשטאַנען.
און אין יעדער איז אַזאַ געזעץ פאַרהאַנען,
וואָס בויט די וועלט פאָרויס,
און אָן אַיעדער אַיינער וואָלט זי זיך צעפאַלן,
ווי אָן דיר,
אימפּעראַטאָר
אין דער שטערן־רעזידענץ!
איך וואַרף דיך פון דעם טראָן,
און גיב דיר צוגלייך פייערלעך איבער
די אינסיגניען פון די גלייכע רעכט
מיט די 248 פאַרייניקטע רעפּובליקן,
צו וועלכע איך צייל פון היינט אָן
אויכעט דיך!
און פּראָקלאַמיר
די גלייכבאַרעכטיקטע אַנאַרכיע
פון די 248,
פון רוח צעטיילטע,
און אין גאָט פאַרייניקטע
רעפּובליקן!
און רוף זיי מיט דעם ווילדן נאָמען
מענטש.
איך,
דו!
איצט קענען מיר ערשט גיין און זוכן איבער דער וועלט
גאָט.

געזאַנג
צו דער זון

עפן דיך, עפן — מיין גוף, מיין נשמה,
וואָס די ביזט איינס.
אַזוי ווי אַ טיר אין מיט פינסטערער נאַכט,
אין אַ העלבאַלאָכטענער שטוב, אין אַ ווייטן
שטומנאַכטיקן דאָרף,
וואָס שווימט ווי אַן אויסגעשטאָרבענע שיף דורך דעם שטילן
ים פון דער נאַכט,
פאַלט דעמאָלט אַ זייל פון ליכט אַרויס
און לייגט זיך איבער דער ברייט פון דער נאַכט, דער
גאַנצער גרויסער נאַכט,
און נעמט אַרום די פינסטערע ערד,
אַזוי ווי אַ ליכט-עקוואַטאָר ביז צו דער גרעניץ פון טאָג.

און קום אַרויס דורך דער אָפענער טיר
און אין די דרייסיקער יאָר, ליד אין דער פולער קראַפט.
דאָס קין-צייכן ברענט אויף דיין שטערן
דער צלם פון לייד אין דיינע הענט,
געהויבענע איבער דיין קאָפּ.

אַ קום אַרויס פון פינסטערניש,
דו מיין ליד דורך נאַכט צו זון,

הויב אויף מיין גוף, הויב אויף נשמה — וואָס איר זענט איינס,
די דעק פון נאַכט, די דעק פון ערד.
ס׳איז תחית המתים, ס׳איז טאָג פון ליכט.

רייס אויף, רייס אויף נשמה מיינע,
אַזוי ווי דאָס לייב פון אַ פרוי רייסט אויף
אויף דעם בעט פון צער, אויף דעם זעלבן בעט,
וואו עס איז מיט ביין לבנות צוריק
געוואָרן אויפגעריסן פון פרייד.

אויף דעם בעט פון צער — —
אויף די פיר דעמבענע פיס פון וואָרט,
אויף זיינע קאַנטיקע אותיות פיר
קרעכצנדיק אָנגעשפּאַרט.

רייס אויף און ברענג אַ ליד צו דער וועלט,
שרייענדיק שאַרף אין טאָגליכט אַריין.
דעם ריטמישן קוויטש, וואָס איך רוף אים געזאַנג צו דער זון,
און וואָס איז אַזוי ווייט פון איר, ווי זי איז ווייט פון אים.

רייס אויף, רייס אויף נשמה מיינע.
אַזוי ווי אַ בויגן אין האַלבראָד געשפּאַנט,
שפּאַנט דיך אומזיכטבאַרן ווילנס
אָדערדיק האַרטע האַנט.
די סטרונע, דאָס בעט,
אַ קניפּ אויפן קאָפּ און אַ קניפּ אויף די פיס
און אַ ווייסע פייל איז דאָס ליד.

דער זון

פון אומענדלעכקייט צו אומענדלעכקייט
געפאַלן און אויפגעגליט
ווייס.

שפּרינג אויף, נשמה מיינע שפּרינג אויף,
פון בליץ פון דערקענטניש געטראָפע.
אַזוי ווי אַ בוים אַ געטראָפענער
פון שאַרפער זיגזאַקישער זעג פון אַ בליץ.
אַזוי שפּרינג אויף צוויי העלפטן אויף,
צוצווייגטע, צייטיקע, ברייטע נשמה מיינע.

און זאָל דער הימל דיין האַרץ דערזען.
דיין האַרץ דאָס צושפּאָלטענע, ווייסע.
די ווייסע בענקשאַפט זיינע.
די וואונד איז אָפן. די וואונד איז ווייס.
און קוואַלט מיט ווייסער גלוט, מיט ווייס צוגליטן בלוט.
געזאַנג צו זון.

אַ לויב דיר, לויב דיר מיין מאַמעס בויך,
פאַר דיינע יסורים און פאַר דיין פרייד.
וואָס דו ביזט געגאַנגען שווערערהייט,
שוואַנגערערהייט
און האָסט געטראָגן אַ זון צו דער זון
צו ליכטיקייט.
אַ לויב דיר לויב דיר מיין מאַמעס בויך.
דיין זון איז געגאַנגען אין ליכט אַריין.
אָפּגעגאַנגען שוין אַ שטיק וועלט.

דרייסיק יאָרן אונטערוועגס
געוועזן איז ער שוין
דיין זון.

דרייסיק זונען איז ער אַלט,
און פון דער איין און דרייסיקסטער זון,
וואָס שטייט היינט גלייך אין זיין שטערן אַריין,
אין ווייצעאַקערטן שטערן אַריין,
צעאַקערט צעזאָרגט ווי אין פרילינג די ערד, —
שיקט ער דיר איצט, דו מיין מאַמעס בויך,
וואָס דו האָסט געטראָגן דורך פינסטערניש
צום ליכט,
אַזוי ווי די מאַמע ערד טראָגט אויס
אין פינסטערניש דעם בוים און דאָס גראָז —
דיר שיקט ער איצט
אַ לויב.
דו מיין מאַמעס בויך, דו ווייסער שטויב
וואָס וועסט באַלד ווידער ווערן שוואַרץ.

כ׳בין אַן איינזאַמער שיפער אויף דעם ים פון דער נאַכט,
אין דער שיף פון מיין לייב, פון מיין ערד, פון מיין גוף.
עס שטורעמט די פינסטערניש,
וואַרפט זיך שווער
כוואַליע אַרויף און כוואַליע אַראָפּ.
איבער די כוואַליעס הויבט גלייך זיך דער קאָפּ.
דער קרעכצנדיקער שווערער מאַסט
פון דעם שיף פון צעהוליעטן גוף.

דער זון

שניידט די פינסטערניש דורך.
רוישט עס פון לינקס און עס ברויזט פון רעכטס,
דער ווילן צו גוטס און דער ווילן צו שלעכטס.
שוימט צישנדיק, צישט שוימענדיק
און שרייט
שאַרף
אין אַלע כוואַליעס איין וואָרט,
גליק.
די ווילנס-רודערס זעגן
די פינסטערניש דורך
דער זון אַקעגן.

אן אָפּגעריסן שטיק פון דער מאַמע. דער זון
איז דאָך אונזער גאנצע ערד,
און וואָס זענען מיר, מיר חיות אַלע
מיר פלאַנצן אַלע
פון דער מאַמע דער ערד — —
הייס בלוט און קאַלט בלוט אין אונזערע אָדערן,
און בלוט פון קוואַלן פון בערג,
און בלוט פון כמאַרעס פון הימל,
מיר וואַלפישן העלפאַנטן, ווילדע פערד.
מיר אָדלערן, מיר סעמפּעס, וואָס זונקען די קעפּ
אין די בייכער פון די געפּיגערטע פערד,
מיר מאַלפּעס, מיר מענטשן, מיר בוהייעס שווערע,
מיר שלאַנגען, מיר שרצים, מיר בוימער אַלטע,
מיר סטעפּ-גראָזן פון דער מאַמע דער ערד,
אָפּגעריסענע שטיקער פון זון,

אַזוי ווי זי אַליין.
אַן אָפּגעריסן שטיק זון.

אַ טאַנץ צו דער זון איז דער גאַנג פון דער ערד,
ווי אַן איינזאַמע כּלה טאַנצט זי אַליין
עקסטאַטיש דעם וועלטרינגען־טאַנץ.
ערד־רינג און זונרינג, זונרינג און וועלט־רינג.
דורך די קאַלטע ספערן רייסט זי זיך
אין פליענדיקן טאַנץ.
שטייט אויף דער בוים אין פרימאָרגן שטיל
און קערט זיך צו ליכטיקייט אויס,
שטייט די חיה אויף אויף אירע פיר פיס,
צוויי פּאַרע־זיילן לאָזט זי פון נאָז
אין דער מאָרגן־קילקייט און שרייט
מיט דער רויטער צונג צו דער זון געקערט.
טאָג איז געוואָרן איבער דער ערד.
און דער מענטש שטרעקט זיך אויס, וואַרפט צום פענסטער אַ בליק
ס'איז צייט צו יאָגן נאָך גליק.
די זון האָט לאַנג שוין אויפגעשיינט,
דאָס גליק וועל איך נישט דעריאָגן מער היינט!
און דאָרט ווו די זון איז דאָס גליק
כ'וויל באָכגיין נאָך דער זון.
און דער פיש אין וואַסער שפּרינגט אונטער און שווימט
דורך דער ברייט פון טייך.
און דער פויגל שטרעקט זיינע פליגלען אויס,
און טוט אַ פלי אין דער וועלט אַריין
באַגלייטן די זון אַ שטיק וועגס

און שניידט מיט אַ ליד די מאָרגן־לופט דורך,
אַזוי ווי די זון האָט צעשניטן פאַר אים
די נאַכט,
אַז ער זאָל קענען אַדורכפליען גלאַט.

און אַ שטילע, שטילע טאַנצט די ערד,
איר הייסער בויך איז אָפּגעדעקט
און פרוכפּערט זיך אין וועלטן־רוים.
פאַרזונקען איז זי אין זיך,
די אויגן
פאַרצויגן
מיט ווייסן אייז
און פאַרמאַכט אין ווילדן התלהבות.
דער צפון־פּאָל און דער דרום־פּאָל.
אַ שטילע, שטילע טאַנצט די ערד
אין פליענדיקן טאַנץ.
און ווו זי קערט אויס איר לייב צו דער זון
דאָרט גליט עס פון צער און גליט עס פון פרייד
דאָרט גליט עס פאַרגאָסן פון שקיעה־קאָליר.
און דאָס לאַווע־הייסע האַרץ אירס ברענט,
די הייסע לאַווע, דאָס בלוט פון דער ערד.
די אויפגעקאָכטע עלעמענטן
די דערקענטע און די נישט דערקענטע.
טאַנצט זי אַקעגן דער זון.
ברויזט דאָס האַרץ צו פאַרזינקען
און וויל דערטרינקען
צוריק אין דער זון.

ווי דער וואַסער־טייך אין וואַסער־ימים
און ווי דאָס ליכט אין ים פון פלאַמען,
אין דעם ליכט פון איר מאַמען
דער זון.

ווען די מענטשלעכע מוחות קלערן פון ליכט
קלערט די ערד דורך זיי.
ווען די מענטשלעכע הערצער בענקען צו פלאַם
בענקט די ערד דורך זיי.
נישט די מענער בענקען צו ליבע
נור די מאַמע זייערע, זייער ערד,
בענקט צו איר מאַמען צוריק
צו דער זון.

אונזערע טעג און אונזערע נעכט
די טעג פון אונזער לעבן
און די נעכט פון אונזער רו און אומרו
מיר קרעאַטורן
וואָס וואַקסן אַרויף טרעפ־אויף טרעפ־אויף,
אויף אונזערע יאָרן —
וואָס זענען דען אונזערע טעג און נעכט?
חיות מיט אויסגעשטרעקטע העלזער,
די נעכט צו מזרח און די טעג צו מעריב,
העלזער געשטרעקטע צו דער שחיטה
אין רויטן טייך פון שקיעות.

די פרילינגען פון אונזער אויפגאַנג

און די האַרבסטן פֿון אונזער אונטערגאַנג
מיר נפֿשות
מיר מענטשן, מיר פֿלאַנצן מיט אויסגעריסענע וואָרצלען
וואַנדערנדיקע און קריכנדיקע
הענט און פֿיס און פּירפּיס.
און מיר, מיר גראָזן און ביימער
מיר, מיט וואָרצלען איינגעגראָבענע נאָך אין דער ערד.
וואָס זענען דען מער אונזערע פֿרילינגען, אונזערע האַרבסטן,
געשרייען פֿון פֿרייד, ווען דו ביסט נאָנט,
געשרייען פֿון צער, ווען דו ביסט ווייט,
זון.
אין דיר, אין דיר
פֿאַרליבטע וואַנדערן מיר,
און אונזער ליבע צום אַנדערן מין
איז גאָר נישט מער נאָר געוויין פֿון שרעק
און געלעכטער פֿון פֿרייד.
געוויין און געלעכטער פֿון ליבע צו דיר,
מיין גרויסע געליבטע, מיין זון.

און נאָר כּדי דו זאָלסט נישט אונטערגיין קיינמאָל
אין אונז און אין אונזער פֿרוכט.
פֿרוכפּערן מיר זיך און מערן מיר זיך
אין דער נאַכט.
ווען דו ביזט אָפּגעווענדט פֿון אונז,
גראָבן מיר אויף אין ליידנשאַפֿט
אונזער געליבטערס גוף.
רייסן מיר וואַנזיניקע אויף

אונזער געליבטערס גייסט,
מיר ווילן געפינען די וואַרעמקייט,
מיר ווילן געפינען אַ אָפּשיין פון דיר,
זון.

אָ אין נעכט, ווען דו ביזט אָפּגעווענדט,
אָ גיי נישט אונטער אין אונז און אין אונזער פרוכט,
אָ, גיב אונז אונזער טעגלעכע גאָב פון ליכט.
און גיי נישט קיינמאָל אונטער.

וואָס איז אונזער געדאַנק פון גוט און פון שלעכט
פון אויפגאַנג און פון אונטערגאַנג
פון שאָטן און ליכט?
אַ צענטער אָפּשיין פון דיר זענען זיי,
די העכערע דו פון אונזער גאָט,
די הימל-קעניגין דו.
אין דיר איז וויסן פון סוף פון דער וועלט
און ווען מיר ווענדן די בליקן צו דיר
און ווען מיר בלענדן די אויגן אין דיר,
דאָס קוקן מיר אונזערע אויגן אויס,
דאָס ברענען זיך אונזערע בליקן אויס,
צום וויסן פון אין סוף
וואָס אין דיר איז עס דאָ.
ווען דו ביזט יונג געווען
אין געווען אָנהויב וועלט,
אין דיר איז וויסן פון אָנהויב פון צייט
אין דיר איז וויסן פון סוף פון דער צייט.

שטרוימען אורגעדאַנק זענען אין דיר
און פלייצן אויף אונזערע אויגן
אַזוי ווי די שטרוימען פון אורליכט פון דיינעם
וואָס פלייצן אין אונזער געדאַנק.
געדאַנק און ליכט זענען איינס.
פול פראָסט איז די וועלט
און דער חלל איז קאַלט
און דער אויר פרירט אין דער פינסטער אַליין,
דו אָבער גייסט אַקעגן דעם חלל, דעם אויר, דער וועלט.
דעם רוים שניידסטו דורך מיט דער היץ מיט דיין האַרץ
און פירסט אין די וועלטן מלחמה
אין בלויען חלל פון הימל.
פאַלט שטיקערווייז, ערדווייז די קעלט אַראָפּ
אין טיפקייט פון וועלטן אַריין.

בלינדע זענען מיר געווען,
האָרצלען אין דער מוטער ערד.
האָט אונז די בענקשאַפט צו זון
געפייניקט אונטער דעם שוואַרצן דעק,
האָבן מיר בליטן געשטויסן פון זיך,
געטריבן אַרויף אויף דער אויבערפלאַך
מיר האָבן געהאַלטן די קעפּ אין דער ערד
און מיט די געבויגענע רוקנס געפּרעגט,
איז צייט שוין, צייט צו דיר?
און אַז דו האָסט דעם זוניקן יאָ געזאָגט,
האָבן מיר אויסגעשטרעקט אונזערע בלעטער,
הענט בעטנדיקע צו דיר,

האָסט אין זיי שטראַלן אַריינגעשיקט
און האָסט אונז אָנגעזויגן צו זעט
צו זעט אויף אַ גאַנצער נאַכט.
בלינדע זענען מיר געווען, מיר געוויקסן
האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרשטעלט דיין ליכט.
איז איבער אונז געקומען אַזאַ גרויסע בענקשאַפט
האָבן מיר זיך אויסגעריסן פון דער ערד
און געגאַנגען דיך זוכן,
דאָרט וווּ עס איז קיין שאָטן נישטאָ.
און אונזערע צעקראָכענע ברייטע אָנאויגיקע לייבער
האָבן די קעפ צו דיר געשפּאַרט
און געטאַפּט מיט די בלינדע ליפּן די ליכטיקע לופט.
האָסטו רחמנות אויף אונז דערפילט,
מיר זענען אַזוי פלאַך געקראָכן אויף אונזערע אויסגעריסענע
וואָרצלען.
און האָבן דיך נישט געקאָנט געפינען.
האָסטו יעדן פון אונז
צוויי פונקען זון אין לייב אַריינגעזעצט,
אַז מיר זאָלן זוכן דיך און געפינען,
און נישט צעטרעטן איינע די אַנדערע
טרעט-קריכנדיק שטום אין בענקשאַפט צו דיר.

שטומע זענען מיר געווען
פון די טייכן זענען מיר אַפּגעקראָכן
און געוואַרעמט זיך אין דיינע שטראַלן
און געגליצערט האָט דער רוקן אונזערער דער נאַסער
מיט דעם אָפּשיין פון דיין ליכט,

זון.
האָט זיך די פרייד געריסן פון אונזער מויל
מיט אַזאַ יללה
מיט אַזאַ ליבע צו דיר,
און אָפּגעקלונגען האָט דער ווידערקול
אין די הויכע בערג
און פֿאַרשוווּנדן אין תּהום
פון בלויקייט.
און די ביזט שטום און גליענדיק געהאָנגען.

איז אָנגעקומען די נאַכט
און ס׳האָט זיך פון אונזער פֿאַרשטומט מויל געריסן
א צישנדיק הייסער אָטעם,
אַ ציש־געזאַנג פון צווישן געשטשירעטע ציין.
זענען מיר געבליבן צישנדיקע ליגן איבעראייננאַנדערגעוואָרפן
גליטשיק און נאַס
און איבעראיינאַנד האָבן מיר געשריגן
מיט דער פינסטערניש צוזאַמען
מיט דעם ווידערקול פון וויסטע ביינאַכטיקע בערג צוזאַמען
צו אונזער אלעמענס מאַמען
דער זון.

שטומע זענען מיר געווען, שטומע,
און די האָסט אונז דאָס געשריי געלערנט
זון אונזערע.
טויבע זענען מיר געווען,
מיט אויגן קיי.עכדיק געשוואָלענע האָבן מיר זיך אויף דער
ערד געוואַלגערט

און גערעוועט,
איז דאָס ווידערקול געדרונגען דורך די וועלדערס טיפעניש,
אזש די צווייגן די פאַרפלאָכטענע האָבן מיט אַ בראָך די הענט
פאַנאַנדערגעעפנט
צום הימלס בלוי אַרויף.
אַזוי האָבן מיר דעם הימל, אַזוי האָט דער הימל אונז געזען
דורך די לעכער פון די צווייגן,
אָבער איינס דאָס אַנדערע האָבן מיר זיך נישט געהערט,
שטום איז געגאַנגען דער גליטשיקער בליץ דורך דעם הימל
און שטום איז געפאַלן דער רעגן אויף בלעטלעך מילי־מיליאַסן,
און ווייך איז געפאַלן דער באַרג־שטראָם פון הויכע און האַרטע
פעלזן אַפּיר.
ביז איינמאָל האָט דער מאַן
אַ טרייסל געטון דאָס בלאָטיקע ליים פון זיין לייב
און ס'איז דאָס געזאַנג פון דעם בליץ, פון דעם שטראָם און
פון רעגן
אַריין צווישן זיינע ציין.
האָט ער איבערגעוואָרט ביז פאַרטאָג
און אין רויטן ליכט האָט דאָס מויל זיינס אויפגעלויכטן רויט
און רויט איז געווען דאָס ערשטע ליד
צו דעם רויטן בלוט פון זיין ווייב,
וואָס האָט דאָס ערשטע ליד דערהערט.
ווי פון שטורעם אויפגעריסן האָט דאָס לייב אירס זיך אַ ריס
געטון פון דער נאַסער ערד
צו דיביימער איז זי צוגעפאַלן און געביסן זיי פאַר פרייד
און די ליימיק נאַסע אויערן האָט זי מיט די שוואַרצע פלאַכן
פון די לאַנגע הענט געריבן און נעהאַלטן אין איין לאַכן

אין איין ווילדן לאַכן: איך האָב געהערט, איך האָב געהערט
גיט מיר דעם מאַן, דעם מאַ-אַן.
און אין מיטן טאָג האָט געגליט די זון
אויף אַן אויסגעגליטן רוקן
דעם רוקן פון איר מאַן.

ווי האָלצערנע וואָרצלען אונטער דער ערד
האָבן אונזערע רויע הענט געטאַפּט,
זיך געקלאַמערט ווי שלינגפלאַנצן אַרום אַלץ
וואָס שטומער אָנלען קען ווערן.
ווי צווייגן זענען זיי געשטאַנען לאַנגע צייטן בייטאָג
ווען דו, זון, ביזט דאָ אויף דער וועלט,
און האָבן געזוכט דיך,
און געטאַפּט דיינע שטראַלן פון אַלע זייטן
אין דער העלער ליידיקייט פון דער לופט.
זענען די נערוון צייטיק געוואָרען אין די אויסגעשטרעקטע. די
רויע הענט.
און בולט געוואָרן ווי אָדערלעך דינע אין בלעטער גרינע.
ביז איינמאָל פאַרנאַכט
האָבן מיר אונזערע צייטיק געוואָרענע הענט
אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד
און אָנגערירט די גאַנצע וועלט.
איז לעבעדיק געוואָרן אַלץ אין דעם קלאַמער פון אונזערע הענט
און אַלץ איז געוואָרן געגנשטאַנד
און אַלץ האָט זיך אַקעגנגעשטעלט
מיט שנאה אָדער מיט פרייד.
איז דאָס שווערט געקומען אין אונזערע הענט:

האַק מיט מיר דעם וואַלד, דעם וואַלד פון דײַן ווע[illegible] ראָ[illegible]
און האַק מיט מיר דער חיהס קאָפּ,
וואָס שפּרינגט אַקעגן אין אויסגעהאַקטע לעכער אין וואַלד.
די פרייד פון די בריסט פון אונזערע ווײַבער
האָבן אונזערע הענט דערפילט
און דעם קני־בויג פון זייערע פיס.
און אונזער ווײַבער האָבען דערפילט
די פרייד פון אונזערע שטיינערנע מוסקולן.
בײַטאָג זענען אונזערע הענט געשטאַנען
ווי צווייגן צו זון געקערט,
און ס׳האָט זיך געגאָסן שנירלווײַז שטיל
דאָס ליכט אין די פלאַכן אַרײַן.
און אין אָוונט האָבן מיר אויסגעשטרעקט
צו דער ערד
די שטאַרקער געוואָרענע הענט.

די נאָז־לעכער טעמפּ און גרויס
דער גומען גליטשיק, דער דנאָ פון קאַלוזשעס אויף שוואַרצער ערד.
אין דנאָ פון קאַלוזשעס האָבן מיר גענישטערט נאָך ווערעמ־
דיקער שפּײַז
מיט די ברייטע ליפּן האָבן אונזערע ווײַבער געזוכט
אין אונזערע קינדערס קעפּלעך די לייז.
דורך לאָנקעס צובליטע פון אונזערע שוועסטער
די עלטערע, די בלומען
האָבן מיר טעמפּע געוואַנדערט אין ריחות
פון פרילינג און האָבן געזונגען און האָבן געהערט
און האָבן דעם פרילינג נאָך נישט באַנומען

דער זון

ביז דיין ליכט איז געקומען איבער אונזערע ליפן און אונ־
זערע נעזער.

זענען געקומען די פרילינג־גרעזער
און האָבן די הערצער אויפגעדעקט
און האָבן אין פולער פּראַכט פאַרשמעקט.

אזוי האָב איך איינמאָל, זון, דיך דערזען
אויף דעם פענסטער בין איך אין אַ זונענטאָג
געלעגן נאַקעט אין דיר, זון.
האָבן די אויגן געריסן צו דיר זיך און האָבן דיך זען געוואָלט.
זיי האָבן געוויינט פון צער און האָבן געוויינט פון פרייד
און האָבן דיך נישט געזען.
האָב איך די פויסטן אַריינגעשפּאַרט
אַריין אין די אויגן טיף.
ציטערט אַ רגע דער בליק
אויף די צוויי פליגלען פון די צוויי אויגן
הויבט ער זיך פלוצים אויף און אַרויסגעפלויגן.
פליט ער
פליט
פליט
די פליגלען שפּיצט ער אַרויף
דער חלל איז שטיל און בלוי

און דער בליק פליט און פליט
און די ערד ווערט אַ שטילער ווייסער שטערן
אונטן.
און פּלוצים האָב איך דיך, זון, דערזען,
און זע דיך פליען מיט אַלע דיינע פּלאַנעטן
אין אומענדלעך שטילן הימל אַריין,
וואו דו ביזט נאָך קיינמאָל אַליין נישט געווען
מיט אַלע דיינע פּלאַנעטן,
וואו דער חלל איז יונג נאָך און אורריין.
איך זע דיך, זון.
און אַלע מיינע חושים פאַלן אָפּ פון מיר
ווי אין דער רגע פון ליבע,
און איך בין איינס, נאָר איינס מיט דיר
אַ שטיק זון, איין שטיק זון.
און אומזיכטבאַרער בליק בין איך
און ס׳גיסן זיך שטראָמען פון ליכט
דורך דעם אומלייבלעכן לייב פון בליק —
גיסן זיך דורך און דורך,
ווי וואַסער גיסט זיך דורך וואַסער דורך
גיסט זיך דאָס ליכט פון דער זון, וואָס איז בליק
דורך מיין בליק.
וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון לייב.
פליט דער בליק, פליט.
נענטער צו דיר אינגאַנצן צו דיר
ווערן איינס מיט דיר
ווי ער איז איינמאָל געווען איינס.

דער זון

דערפילט דאָס לעכצנדיקע לייב
געמט עס אַוועק די פויסטן פון אויגן.
איז ווידער פינסטער די וועלט.
רייסט דורך אַ מענטשלעך געשריי
די שטילקייט פון ריינעם חלל
אַ מענטש ווערט בלינד.
פאַלט ווי אַ יאַסטריב צוריק
אַראָפּ
בליק
אין די וויינענדיקע, בלוטדורכגעאָדערטע אויגן־קנוילן,
וואָס וועלן איינמאָל שטילע פוילן.
אָבער דיך האָב איך געזען,
דיך, מאַמע, האָב איך געזען.

אַזוי האָב איך איינמאָל, זון, דיך דערהערט —
אויף פעלד־וועגן שטילע בין איך געגאַנגען
שטילער ווינט איז מיטגעגאַנגען
פון דער רעכטער זייט גוף און דער לינקער זייט גוף
אַזוי ווי צווי שנעלע היבט אַ ווינט.
אויף איינמאָל בלייב איך שטיין
און הער ווי דער זשאַוואַראָנעק קלינגט און פאַרשווייגט
און אין די אויערן קלינגט דאָס בלוט
וואָס פול איז מיט מעטאַל,
און אויך דאָס בלוט ווערט שטיל, פאַרשווייגט
און נאָר דאָס הערן איינזאַם און אַליין
דאָס בלויזע הערן גייט אַוועק
אין גלייכן פעלד אַריין

איבער בליענדיק קאָרן אַוועק.
און דער שטילער ווינט, די שטילע הינט באַגלייטן עס
איבער דעם קאָרן.

האָט דין זיך און דינער צעקלונגען
מעטאַל און אורמעטאַל
אויף דינע פלאַכן, אויסגעשפּאַנטע איבער די קרייזן פון
די פּלאַנעטן

און אורגעדאַנק און אין ערשטן הערן
דאָס געזאַנג פון דער זון און פון די ספערן.

דו ביזט געוועזן — זון.
דו ביזט — זון.
דו וועסט זיין — זון.
דו ביזט דער אָנהויב פון אַלע אָנהויבן
און ביזט דער סוף פון אַלע סופן.
גאָט איז דער, וואָס מען זעט אים מיט די אויגן.
דיך זעט מען מיט די אויגן.
גאָט איז דער, וואָס האָט געשענקט דאָס לעבן און וועט
עס ווידער נעמען.
דו האָסט געשענקט דאָס לעבן און וועסט עס ווידער נעמען.

אין דעם וואַלד פון מענטשלעכע הענט,
וואָס שטרעקן זיך אויס צו גאָט
ווייס איך איינער ווער ס'איז גאָט.

דער זון

דעריבער דערזע מיינע הענט
ווען די גייסט אויף פאַרטאָג
אין דעם וואַלד פון מענטשלעכע הענט,
וויל דיך רוף איך, גאָר דיך.
און נעם אַרויס מיינע איינזאַמע הענט
פון דעם וואַלד פון הענט אַרויס!
זיי ווילן גרויסע אַרבעט טון,
מיינע איינזאַמע צוויי הענט,
זיי קענען אין וואַסער גיין, קענען אין פייער גיין,
מיינע איינזאַמע צוויי הענט.
איידער די לייגט זיי אַריין אין דער ערד
לייג זיי נישט אומזיסט צו פרי.
געדענק זיי צו גוטן דאָס ליד אדאָ,
דאָס דאָזיקע אָרימע ליד,
אזוי ווי עס ווערט צו גוטן געדענקט
דאָס אָרימע ברויט פון אַן אָרימאַן,
ווען ער גיט עס אַ צווייטן אַוועק.
דאָס האָב איך פאַרמאָגט אין מיין טיפסטער טיף
און דאָס איז געווען מיין העכסטער רוף
מיין גאָט, מיין זון.

גרויסן פאלק
געזאנג פון האס
און ליבע
צום יידישן פאלק

די טעזע

וען דער שיכּור איז נאָך ניכטער, פרימאָרגנדיק
און כמורנע,
ווען די זונה שלאָפט נאָך מיד און איר פּנים
וויאַנעט גיך פון מינוט צו מינוט,
ווען די זון זיצט הויך אין הימל,
די קניען אונטער זיך געשפּאַרט, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, מיט
דעם קיילעכדיקן, גלאַנציקן פליך צו דער ערד געקערט,
און ס'פּאַרען די מענטשן מיט הונגער און ניכטערע מאָגנס.
דעמאָלט האָט דער יונג דער וויסטער, דער ווילדער אַלפאָנס,
דער שגעון
זיך נישט וואו אַהין צו טאָן,
קומט ער גלאַט אַזוי צו גיין צו מיר אין שטוב אַריין,
און שטעלט זיך ביי דער טיר אַוועק און גלאָצט.
אַנטלויף איך באַלד פון זון און פענסטער,
און קוק אים אָן, דעם יונג שגעון,
און עס אַנטפּאַלט מיר באַלד אין האַרץ דאָס ביסל האָפער־
דיקע בלוט,
און אין בלוט דער מאַמעס מילך,
און דאָס האַרץ אין ברוסט.
און דער שגעון —
מיט די פּלייצעס, מיט די מעכטיקע, אומעטיקע שטיקער גבורה,
לעבעדיקערהייט אין הוילער לופט באַגראָבן,

מיט די אייזן-הענט, ווי די ערשטע צוואַנג פון דעם שלוסאַר
גאָט געקאָוועט!

שטייט און קראַצט זיך.
דערזע איך, אַז די וועלט באַלאַנגט צו אים, צו דעם שגעון,
צו דעם ווילדן יונג,
מיט מ י ר און ד י ר צוזאַמען, דו מענטשל מיט די ברילן, דו
קלוגער און דו לאַכנדיקער, עס וועט דיר נישט דיין
חכמה העלפן, באַלאַנגסט צו אים,
— שלעכט — טראַכט איך, דאָ מוז מען שווינדלען, דאָ וועט
מען אָן אַ שווינדל נישט אַנטרינען.
און איך נעם אויף זיכער. גיב אַ קלאַפּ אין פּלייצע:
— עך, ברודער-לעבן, גיב דיך נאָר אַ רוק אַוועק,
לאָז מיר נאָר אַ ווייליִנקע אין גאַס,
צו מיין פאָלק, פאַרשטייסטו, ברודערקע, באַדאַרף איך עפּעס
נויטיק האָבן.

— צו וועלכן פאָלק?
— עך, ברודערקע, דערקענסט נישט אָן מיין פּרצוף? יידיש
פאָלק, איך בין זיין דיכטער,
וו—אָס? פרעגט די צוואַנג פון מויל און די צוואַנגען פון די
הענט עפענען זיך אויף.
איז מיר קאַלט געוואָרן, כ'זוך די טירן מיט די אויגן און איך
שווינדל ווייטער.

— עך, ברודערקע, דו וועסט נישט גלויבן,
איך האָב מיך היינט פאַרטאָג אַ כאַפּ געטון ביי מיינע קעשענעס.
יעדן איבערפרי, ווי אַלע ברידער פון מיין פאָלק, טראַכט איך
וועגן גאָט און וועגן געלט.

איז מיר אויסגעגאַנגען ביז אַ לעצטן קלינגענדיקן גראָשן, דאָס קליינגעלט פון דער לעבנס־פרייד
און דאָס גראָבע געלט פון גלויבן אויך.
וויל איך, ווייסטו, ברודערקע, כאַפּן ביי מיין פאָלק
אַ הלוואהלע פון אַביסל לעבנס־פרייד,
און אַ וועקסל וויל איך נעמען אויף אַ היפּשער סומע גלויבן.

— פּאָ—אָ—אָ—לק? פאַרהאַקט זיך דאָס משוגענע מויל,
און די צוואַנגען פון די הענט עפענען זיך ברייט פונאַנדער,
און ער גיט אַ קוועטש די טעמפּע ליפּן, ווי אַ שאַרפע זויער־קייט וואָלט אים פון די אינגעווייד אַרויסגעשפּאַרט.
שטייט ער, שטייט דער יונג שגעון, ווי אַ גאַריל־מאַלפּע צו דעם שפּרונג געגרייט
אויף מיין אויסגעבליכט דערשלאָגנקייט,
און ווי אַ שרעקן־פולהאָרן טרייסלט ער מיט ווילדן רעש
אָט אַזעלכע רייד:

— פאָלק, פאָלק,
ווערזשע איז דיין פאָלק?
זענען דאָס אפשר די באַנקירן, באַנקירישער און געמיינער, ווי די באַנקירן פון דער איבריקער וועלט? איף זייערע
אָדערן פליסנדיק גאָלד מיט גענזענעם שמאַלץ.
זענען דאָס אפשר די קורוועס, וואָס פאַרקויפן זייער ביליקער און געמיינער לייב פאַר טייערער געלט, גע״ט — —
אָדער זענען דאָס אפשר די בעטלערס, וואָס זענען בעטלערי־שער, ווי די איידעלע, אַלטע גוישע בעטלער, וואָס
קניען און בעטן אַן אָרים שטיק ברויט, די יידישע

שעלטן דאָך טויטע ברעך די אין עול-געבויגענע פּאַר-
בייגייער, גיב זיי ברויט, ווילן זיי געלט, די בעטלערס
דאַרפן נישט קיין ברויט, ווייל מיט אַ לייבן ברויט
קען מען נישט רויק שטאַרבן, אָבער מיט אַ בייטל
געלט אַרומגענומען שטאַרבט זיך זיס.
אָדער זענען דאָס אפשר די דיכטער, וואָס זענען דיכטערישער
און גרעסער און שטאַרצן איינזאַמער, ווי דיכטער פון
דער איבריקער וועלט?
אָדער אפשר די רויט-בעקלדיקע סטודענטן פון ווין, בערלין און
האַמבורג, וואָס זיצן אין די באַנקן פון דער שווער
פּאַרסאַפּעטער מענטשהייט.
אָדער גאָר די פאַבריקאַנטן פון בערלין פון ווין און האַמבורג
מיט די צילינדערס און טליתימלעך אויף די פּעטע
קאַרקעס אום יום-כּיפּור, טאָמער איז דאָ פּאָרט אַ גאָט. —
אָדער גאָר די טעמפּע שניידערס פון ניו-יאָרק מיט די אויס-
געקרומטע האָזן-אויערן, די סימנים פון די יאַרמלקעס
פון נײַנצן-הונדערט יאָר.
אָדער גאָר די ברייטע ווייבער מיט די בריסטן, פּאַלעמיסקעס
פון אויפּוירנדיקן חלה-טייג?
אָדער די תּימנים מיט די לאַנגע נעזער און די שוואַרצע
קרייזל-האָר?
אָדער די שוואַכע משוגעים, מײַנע ברידער, וואָס שווימען איבער
ימים און טרוימען איינמאָל אויך צו ווערן אָט אַזעל-
כע אָ תּימנים?
זענען דאָס די רעדאַקטאָרן פון די געלע צייטונגען פון דער
גאָרער וועלט?
אָדער די קאָמיסאַרטשיקעס פון מאָסקווע מיט די געלאָקטע,

שוואַרצע קעפּלעך, מיט די רויטע פלייִשיקע לעפּצן.
וואו איז, וואו איז די מאַמע, וואָס האָט אַזוינס געהאַט?
אויף דעם טרויעריקן פּנים פון דעם אידעאַל פון זעקס־מאָל
זעקסטויזנט יאָרן וועלט זיצן זיי מיט זייער הינטער־חלק.

בלייבט אַ ווײַלע שטיל דער יונג שגעון.
גיט אַ זעץ, אָט סתּם אַזוי מיט איינער פון די צוואַנגען
צווײַ
אין דאָס ציטערנדיקע מויל פון מײַן דערשראָקנקייט.
רעדן זאָל איך, ענטפערן, אויפמאַכן דעם פּיסק.

— ווער פאָלק, וואָס פּאָ—אָ—אָ—לק? און ער יושעט ווייטער.
זענען דאָס אפשר די לייזיקע פאַרשוינען, וואָס כראַקען, שטינ־
קען אינדערפריאיק דורך אַלע פרילינגען אַדורך,
טראָגן מיסטיק פּעטס אויף די מלבושים, וויקלען פּעט־
שוואַרצע ידיעות אויף די בלאָטע־הענט, שאָקלען זיך
אין די בית־המדרשלעך, וואָס אָטעמען מיט פוילער
היץ, ווי אַן אינדערפריאיק מויל מיט קאַלעדיקע ציין?
אויף די קעפּ זענען באַוואַקסן זיי מיט שטויביק־
שוואַרצע הערלעך און מיט פּעדערן פון בייגאַכט. און
אַ הייזעלע, אַ שוואַרצס איז אויף די קעפּ זיי צוגע־
מויערט, וואו נט אין דעם דאָס שוואַרצע שדל פון
דעם מסחור.
אָדער זענען דאָס די דעזערטערן פון אַלע נאַציאָנאַלן אַרמעען
פון דער וועלט, וואָס אַנטלויפן אין די שולן און
פאַלן צו צום עמוד, ווי די מערדערס צום מזרח, און
ביי וואַסער און ביי טרוקן גרויט שטאַרבפוילן זיי
בעסער אַ לויזן־טויט אויף די האַרטע שול־בענק.

אָדער זענען דאָס די מאַמעס מיט די לאַנגע, אָנגעשוואָלענע
אויערן, וואָס הענגען פון די קאָפּטיכלעך אַפּיר, ווי
אויערן פון הינט?
אָדער זענען דאָס די פליי־צעביסענע קינדער, וואָס הענגען
ווייגענדיקע, נאַסע, ווי אייטערדיקע געשווירן אָן די
געלע בריסטן פון זייערע מוטערס? דער וואַקסנדיקער
שטאָלץ פון אייער צוקונפט?
אָדער זענען דאָס די אַלטע ווייבער מיט די צאָנלאָזע גאָמבעס
און מיט די האַלב־קויל־פּלייצעס, וואָס שעלטן די וועלט
אַרום זיך: אַ מכּה אויף זיי, אַ ווייסטער בראָך אויף
זיי! און פּייזען, ווי די לייז אויף זיי.
אָבער נאָך דעם טויט וועלן זיי זיך וואַלגערן אונטער דער
ערד, וואַלגערן פרומע, גאָטפאַרכטיקע ביז קיין ארץ־
ישראל, טאָמער איז אַ ווינקל אויף דער ערד פאַרהאַן,
וואו עס קוואַקעט נאָך בישט זייער צאָנלאָזע, אומעטיק
געבעט.
אָדער זענען די חזנים דאָס, וואָס רייסן זיך מיט פעטע קולות
צו די טויערן פון הימל? אַזאַ בלויער שבת הימל
ווערט מיט פעט־פלעקן פאַרלאָפן, ווען עס רירט אים
אָן די פעטקייט פון זייער קול.

און דער יונג שגעון רייסט דאָס מויל מיינס אויף,
ברייטער, שטאַרקער,
ווי אַ העקער רייסט אַ סענקאַטע האָלץ־קלאָץ אויף.

— וואוזשע וואוינט עס אָט דיין פאָלק, דיין פאָלק?
וואו, און פאַרוואָס?

אויף דער גאַנצער ערד שטייט נישט זייער וואַלד,
וואו האָבן זיי געבראָכן דאָס געהילץ צו זייערע שטעט?
און וועלכע שטעט האָבן זיי געבויט?
פאַרוואָס רעזידירן זיי ברייט אין דער גרעסטער שטאָט פון
דער וועלט?
האָט אויסגערופן דען ווער ניו־יאָרק פאַר דער יידישער קרוינ־
שטאָט?
זיי האָבן אַליין זיך גענומען די גרעסטע שטאָט פון דער וועלט!
פאַרוואָס קומט זיי די שטאָט, די גרעסטע שטאָט פון דער וועלט?
אויף דעם גאַנצן געטלעכן פעלד וואַקסט אין ערגעץ נישט
זייער קאָרן.
אויף דעם גאַנצן בלויען ים שווימט אין ערגעץ נישט זייער שיף.
און קיין שום הויכער באַרג טראָגט זייער פעסטונג נישט!

שטיקט ער זיך אַ רגע, דער יונג שגעון,
און ווייטער פרעגט ער:

— און ווען עס מאַכט די ליפּן אויף און רעדט, דיין פאָלק
אויף וועלכער שפּראַך רעדט עס?
וועלכער שפּראַך?
איז עס די שפּראַך אויף וועלכער יאַהווע, דער מלך פון די
סופרים, האָט דעם חומש אָנגעשריבן,
און בושעוועט מיט אים, ווי מיט אַ בייטש פון אייזנריטער
איבער אַלע דורות?
אָבער יאַהוועס לשון ווערט פאַרגעלט דאָך אויף די פּאַרמעט־
בלעטער! פון מייז ווערט עס צעקרישלט, פון מייז,
וואָס וואוינען אין דעם ארון־קודש.

אָדער איז דאָס אפשר דאָס פאַרפלאָנטערטע וואָרט-געמיש פון
די ש"ס-לאַבירינטן, קעלערס גרויזאַמע, דערטרונקענע
אין טוכלען וואָרט-געריך,
און מיט ספירות אָנגעלאָדן,
ווי דאָס לייב פון לונגען-קראַנקע איז מיט באַצילן פול.
אָדער איז דאָס דאָס שפּאַניאָלישע געשטאַמל פון דעם פאָלק,
וואָס וואוינט אין סאַלאָניקי און קאָנסטאַנטינאָפּל?
אָדער ענגליש, אָדער פויליש, אָדער דייטש?
אָדער גאָר דאָס אויסגעבאָרגטע און צעדרייטע לשון,
וואָס מען האָט עס ביי די מעכטיקע גערמאַנען מיט זעקסהונ-
דערט יאָר צוריק גאַנצערהייט גענומען, אלס פאַנט
פאַר די געבאָרגטע גאָלד-טאַלאַרן, און אַוועקגעשלעפּט
צו ברעגעס פון דער ווייסלאַ און פון דניעפּר?
אָ, פאַראייוויוט און פאַרפּעצט איז עס געוואָרן, און די ווייסע
שטאַמציין, די גערמאַנישע האָט מען אים אַרויסגעהאַקט.
אַרויסגעהאַקט די ווייסע שטאַמציין!

און זיין צוואַנג זיצט אין מיין מויל און קריצט אויף
מיינע ציין.
און פּלוצים ווערט דאָס פּנים פון דעם יונג שגעון טיף
צעקנייטשט און אומעטיק צערזאָרגט, ער צלמט
זיך און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, און מיט טאַפּל-
טער גבורה הויבט ער ווידער אָן:

— און ווער איז דער גאָט פון דיין פאָלק?

גאָט פון דיין פאָלק?

אויף קיין צלם הענגט ער נישט, געקרייציקט האָט ער פאַר
דער וועלט זיך נישט.
זיצט נישט מיט די קניען הינטער זיך, הויט-און-ביינערדיק און
מעדיטירט נישט וועגן אַלע ווערמלעך, וועגן אַלע
קלענסטע, און טראַכט נישט פאַר דער קרעאַטור.
יאַהווע איז דאָס
יאַהווע, דער קעניג פון דער וועלט, יאַהווע דער ערשטער!
זיין זון האָט ער צום קרייץ געשיקט, ער וויל הערשן אַליין,
יאַהווע דער איינציקער!
און אַלע דיינע ברידער ווערן ווי אַן איינציק העליש פייער
פון זיין נאָמען אָנגעצונדן,
אָבער ברענגען אים נישט קיינמאָל אויף די ליפּן,
און ברענען פאַראייניקט, רויטגליענדיק און האַסדערפולט,
יאַהווע.
שפּרינגען אין די ווייסע זאַקן,
פאַרגלייזן מיט די אויגן,
די באַנקירן,
די זונות,
די דעזערטערן פון אַלע באַציאָנאַלע אַרמעען פון דער וועלט,
די רויטהאָריקע און די שוואַרצהאָריקע דיכטער,
די רבנים,
אָנגעלאָפענע פון פרעמדן בלוט, ווי וואַנצן.
דער אָרימער שאַרבן, דיין שטיק צעבראָכענער אַלטער טאַטע
און דיין קראַנקע מאַמע:
נאָר דו נישט, דו איינער נישט,
ביי דיר אָבער ברענט די קנאה צו די גלויביקע, כלינעט תאווה

צו זייער גליק, ווי ביים יונגן פאַסטוך, ווען עס פאָרן
זיך די פערד אין פעלד.
און דו וועסט ליגן איינמאָל פאַר אים, אומגעריכט וועסטו ליגן,
ליגן אויף אַלע פיר!

און אַז אָט די רויטע ווערטער
זענען אים אַראָפּגעפאַלן פון די ליפּן,
האָט ער אַ שפּיי געטון, אַ לאַנגן שפּיי,
ווי אַ ווייסע בייטש אַרויס פון מויל,
ווי אַ שיכּור, אַ בלוליפּיקער נאָך אַ שאַרפן טרונק.
האָט ער אויסגעשטרעקט זיין פרעגנדיקע האַנט, זיין צוואַנג,

האָט זי מיין יידיש האַרץ נישט מער פאַרטראָגן שוין,
און איז אים אויף דער האַנט אַרויפגעשפּרונגען,
ווי אַ רויטע זשאַבע.
איין רגע איז זי רואיק שטיין געבליבן אויף דער האַנט, אַ
פאַרשטיינערטע פון שרעק
ווי אַ זשאַבע שפּעט פאַרנאַכט פון טייך אַרויס.
באַלד האָט דאָס האַרץ גענומען סאַפּען, קוואַקען,
קוואַקען אַזוי וויינערלעך, וויינען אַזוי קוואַקנדיק — — ווי אַ
יודיש האַרץ.

האָט דער יונג שגעון אויף מיר אַ גלאָץ געטון,
און ס'איז אים וואַנזיניק געוואָרן אין זיין וואַנזיניק געהירן.
האָט ער זיך דערבאַרעמט אויף מיין האַרץ, מיין יידיש-וויינענדיקס,
און — האָט — פאַרמאַכט די פויסט,
און האָט מיין יידיש האַרץ צעקוועטשט,

צום יידישן פאָלק

ווי אַ קינד צעקוועטשט אָן עקל אַ וואָרעם אין דער האַנט.
אַזוי האָט ער אָן עקל מיין יידיש האַרץ צעקוועטשט.

און אין דעם לאַנד, וואו ס׳איז געווען דאָס האַרץ,
דאָס האַרץ, וואָס האָט אַליין זיך פיינט געהאַט,
האָט גענומען ווילד־פלייש שפּאַרן,
איז געוואַקסן ווילד־האַרץ,
ווילד־האַרץ
אַזאַ האַרץ, וואָס קען נישט האַסן מער.

און כ׳האָב מיין פּנים אויסגעקערט צו דער מיטאָגדיקער זון:
זון, מיין זון, אויף די כוואַליעס פון דיין ליכט,
שווימט דאָס לעבן פון דעם יחיד אין דער אייביקייט אַריין,
זון, מיין זון, אויף דיינע כוואַליעס
שווימט דאָס לעבן פון די פעלקער אין דער אייביקייט אַריין.

איז מיר לייכט געוואָרן,
און אַ שלאָף, אַ טיפער איז אויף מיר געפאַלן,
מיט דעם יונג שגעון צוזאַמען, וואָס איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן,
אויף מיין ברוסט און אויף מיין ווילד־האַרץ.
און ווייטער ווייס איך גאָרנישט,
נאָר געוועזן איז אַ טאָג אָן שלאָף
און ס׳איז געוואָרן אָוונט

טיף
אָ־
טעמט
נאַכט.

אַנטיטעזע

נאַכט,
דער שיכור שלאָפט נאָך ביי דער זונהס זייט,
קריכט זי פּאָרזיכטיק אַפיר פון אונטער אים און זוכט אין
זיינע קעשענעס דאָס געלט, וואָס האָט זיך נאָך פאַר-
וואַלגערט.
דער אָנגעפרעסענער, געלאָקטער יונגערמאַנטשיק וועקט זיך
איבער, און קריכט צום צווייטן מאָל צום הייסן ווייב.
די קעלנערס פון די גרויסע שטעט ציילן נאָך דאָס קליינגעלט
פון דער מענטשהייט.
און די גאַנצע איבעריקע וועלט שלאָפט.
די ערד אָטעמט טיף ביז צום טיפהייסן האַרץ.

איז דער יונג שגעון אויפגעשטאַנען מיטנאַכטיק און פאַרטאַמלט,
ווי די היץ, וואָס קומט צו פיבער-קראַנקע אין דער מיטן נאַכט.
ווייסלעך טונקלער שטראַל
פאַלט אויף אונז,
די לבנה, ווי אַ לאָמפּ אָן איינגעדרייטער, וואָס לייכט נאָך קוים.

גיט דער יונג שגעון שטאַרקער זיך אַ וואָרף אויף מיר,
און וואַלגערט מיך אַרום אויף דעם האַרטן ווייגעלעגער פון
געפּייניקטן געוויסן,
ווי דער שיכורער פאַרגוואַלטיקער, וואָס וואַלגערט מיט מיין
שוועסטער אויף דער ערד, וואָס איז מיט בלוט פאַר-
שיכורט, אויף דער ערד פון אוקראַינע.

און אין מיין לייב וואַקסט פרוכט פון ווילדן זון, פון דעם פאַרגוואַלטיקער.

וואַקסט אויף אַ וואָרט, באַרג אויף וואַקסט עס:
מיין
אָרעם
יידיש
פאָלק.
און אין די אויגן מיינע לייכט עס גלייך אַריין,
ווי דאָס אויג פון הרוג אויף זיין מערדער,
ווען ער טרעפט עס אָן, אַן אָפּגס און אַ לעבעדיקס מיט זיין לאַמטערל

זוכנדיק נאָך געלט.
בלייבט דער מערדער שטיין, האָט צייט און קוקט.
קוקט אויף מיר, קוקט דאָס געהרגעטע אויג פון מיין פאָלק,
קוקט און רעדט צו מיר.
און דער יונג שגעון ליגט אויף מיר,
און מיין מויל איז אויסגעקרומט, אומגעפאַלן איז עס ווי אַ קרוג,
און עס נעמען כלאַפּען זיך די רייד פון אים, באַלד שווער מיט
גרויסע כוואַליעס און ווידער לייכט מיט שאַרפן גאַס
און ווידער מיד:

— אָ, כאָטש דיין האַרץ איז ווילד־האַרץ איצט,
געוואַקסן אויף דעם אָרט פון יידיש־האַרץ,
וואַרף אַריין די פויסט אין אים, וועט ענטפערן דאָס בלוט פון!
אַלע דיינע דורות
וואַרף אַריין די פויסט, דעם שטיין אין טייך פון האַרץ אַריין,

און די דורות וועלן ענטפערן מיט דערמאָנונג, ווי מיט ווייטע,
כליופּענדיקע טייכן־רינגען.

ליגט אויף מיר דער יונג שגעון מיטביידע עלנבויגנס
אָנגעשפּאַרט,
די שטערן־הויט אַרויפגעשאַרט,
און איך רעד אַריין אין אים
און אַרויס פון מיין דערשלאָגנקייט:

— ווי אַ פּרוכת האָב דעם שטערן איך אַרויפגעהויבן פון די
אויגן,
און אין מוח האָט זיך מיר אַ דריי געטון,
ווי די ערד טוט זיך אַ דריי
פאַרטאָג צו זון.

דאָס געלע לייב פון די זונות פון דיין פאָלק איז באַצויגן מיט
אַ צעקנייטשטער שטערן־הויט, איז קיינמאָל נישט קיין
לייב געווען, נישט צו פרייד איז עס באַשאַפן, נאָר
צו געבוירן וויפל לייב פון יידיש קינד,
און ווען אַזאַ לייב גייט צום מאַרק, גייט גאָט אַליין צום מאַרק.
און די בעטלערס פון דיין פאָלק האָט מען שוין נישט איינ־
מאָל אַכציקיעריקע געשלעפּט פון הקדש צו דער שחיטה,
וואָס דאַרפן זיי ברויט? פון ברויט לעבט מען לענגער.
און זיי ווילן שטאַרבן — —
און די דיכטער פון דיין פאָלק ווערן וואַנזיניק אין נעכט פון
איינזאַמקייט, ווייל זיי רעדן אויף אַ לשון, וואָס זייער
קינד באַנעמט נישט מער

און ווען דאָס גרויסע, דיכטערישע וואָרט פאַלט פון זייער מויל,
פאַלט עס אויף דער זאַמדיקער ערד פון קיינעמס
וואָרעם האָרץ און שטאַרבט, און קיינער באַגראָבט עס
נישט אַפילו אין דעם אותיות־שטויב פון דעם שוואַרץ־
פאַרגעסענעם בית־עולם פון זייער פאָלקס געשריבן
וואָרט — —

דערפאַר מאַך דו כאָטש אויף די טיר פון ריפן און פון בלוט
צו דיין האַרץ פאַר זייער ליד.

און שענק זיי דו כאָטש דעם צווייפאַכן הײנט,
פאַרוואַנדל די נאַכט אין אַ טאָג,
ווייל אַ מאָרגן פאַרמאָגן זיי נישט,
און די שניידערס פון ניו־יאָרק — —

אַז די ערד האָט זיי מיט גאַנצע שיפן אויף אַמאָל אַרויסגעשפּיגן,
זענען זיי, ווי היישעריקן־מחנות באַפאַלן דעם שטיינער־הויפן
פון ניו־יאָרק, איינער ענלעך צום צווייטן, איינער הונגע־
ריקער פון דעם צווייטן.

און ווי די פעטע גענז זענען די לייביקע ווייבער פון דיין
פאָלק, זייער לייב און זייער פלייש וואַקסט, און דער
שוחט מיט זיין חלף וואַרט, נישט ווועט ער זיי פאַרגעסן,
נישט וועט ער זיי פאַרבייגיין, די ברייטע, די לייביקע
ווייבער פון דיין פאָלק.

אָ, לאַך נישט פון דעם תימנים־טרוימער,
לאַך נישט פון דעם וואַנזיניקן טרוים, ווייל קיינער איז פון
וואַנזין נישט באַהיט, און מאָרגן קענסטו זיין צווישן
זיי —

מסתמא איז דער וואַנזין־ווי געוועזן גרויס אין זייער לייב און
ווילד, און איז אין בלוט אַריין ביי זיי,

אַז זיי זענען פרייוויליק געגאַנגען מיט זייער יונגן לייב צום
שקלאַון-מאַרק פון די שאָסייען-בויער פאַר דער ענגלי-
שער אימפעריע.

און פלוצום שאַרפער ווי אין מיר.
— אָבער אין די מוחות פון צייטונג-שמירער, מענטשהייט-פירער,
וואָס האַנדלען מיט יענעם אָרים נישט-דערליבטן, נישט-
דערגעסענעם און נישט דערשלאָפענעם בלוט אויף די
בירזשעס פון קאָנגרעסן, מעגסטו רויק שפייען, ווי אין
אַ שפיי-קעסטל מיט זאַמד.
און אין די פנימער פון די קאָמיסאַרטשיקעס;
זייערע רונדיקע בייכער און זייערע מאַניקירטע נעגעלעך האָבן
פיינט די ליידנדיקע ערלעכקייט, וועלן דיך סיי ווי סיי
אויפהענגען, ווען דו וועסט קומען אין דעם קרייז פון
זייער שטריק, פון זייער וועלטן-האָריזאָנט — — —
און די רעדאַקטאָרן פון אַלע טעלעגראַפן-אַגענטורן פון דער
וועלט, און די סטודענטן פון ווין, בערלין און האַמ-
בורג שנייד אָפּ פון שטאַם, ווי פּרוכנע צווייגן, וואָס
דאַרפן פאַלן
מיסט פון אַלע רעוואָלוציעס און אַלע רענעסאַנס-עפּאָכן.
און די לייזיקע יידעלעך לאָז איבער אין זייער מיסט, זע, ווי
זייערע רוקנס בויגן זיך טיפער און טיפער צו דער
ערד, און די פאות הענגען פון פנים אַראָפּ. באַלד
וועלן זיי זיך איינגאַנצן אַראָפּלאָזן אויף אַלע פיר און
ווערן פאַרוואָרלאָזטע חיות צוריק.
און חיות פאַרשטייסטו דאָך, דו ביסט דאָך אַ פריינט פון די
חיות —

און די דעזערטערן, די דעגענעראַטן האָבן ווייכע שאַרבנס,
וואָס הויבן זיך און פאַלן פון שרעק, ווי ביי זויגנדיקע
קינדער. צווישן ווייבער איז זייער אָרט. און די ווײַ-
בער האַסן זיי פאַר זייער פולכנע ווייכקייט. פון זייער
וואָרצל וועט קיין שטאַם נישט וואַקסן, נאָר טוכלע
גליטשיקייט.
און די מאַמעס פון דיין פאָלק — הייליקע מאַמעס. אין שפיגל
פון זיין אייגן פנים האָט יאַהווע דעם מאַן געשאַפן,
און אין שפיגל פון מאַן האָט ער געשאַפן דאָס ווײַל-
דע, שיינע פנים פון זיין ווייב, פון חוהן, וואָס יעדער
גליד אירער איז גלוסטונג, יעדער פינגער פונקט אַזוי
ווי די בריסטן, ווי דער טויער פון די קומענדיקע
דורות. אָבער אין שפיגל פון די קראַנקע, געשוואָלענע
הינט שאַפט ער דאָס פנים פון די מאַמעס פון דיין
און צום געוויין פון די פלייצעביסענע קינדער הער דיך איין
אין די נעכט, הינטער לאָדנס כאַ־מאַכטע, ווי יע-
מערלעך זיי וויינען. זיי זענען דאָך הונגעריק — און
אָן די געלע בריסטן נאָגן זיי, ברודיק וואַסער אַרויס
פון דאָרט, און אין דער פרי האָבן זיי אַזעלכע רויטע
אייגעלעך פון געוויין, און מיט די שמוציקע, קלעפּער-
דיקע הענטלעך פאַרשטעלן זיי זיך די שיין.
און אין די אַלטע ווייבער האָט זיך דער מוח פון צופיל קינ-
לען איבערגעבויגן, ווי אַ שמעלצנדיק ליכט — און
האָט זיך אַרויסגעטריפט און איז אויסגעלאָשן שלאַף.
און אַלע שבת אין פאַרנאַכט לייכט שטיל עס אויף, זייער
פרומע לעבן אין שטילן גאָט-פון-אַברהם-געוויין, ווי
דאָס פרומע-געהילך לייכט עס אויף.

און אין דעם שלשלת פון די חזנישע תּפלות שלענגלט זיך אַ
קלאָג צו גאָט, וואָס האָט קיין ווערטער שוין נישט
מער, ווי דאָס לעצטע, שטילע כליפּען פון אַ מוטער
אויף דעם קבר פון איר קינד.

גלאָצט דער יונג שגעון, גלאָצט אויף מיר,
זיינע אויגן שטייען אומבאַוועגלעך אין מיינע אויגן טיף
אַריינגעשפּיזטע, ווי אַ גרויסע אויפגעמאַכטע שער.
און די קרוג, די אומגעפּאַלענע, מיינע אויסגעקרומטע
ליפּן כליפּען ווייטער:

— איי, דו מענטש, דו נאַר,
אויב נישט אויף שיפן, טאָ ווושע ווינט דיין אָרים פאָלק?
אינמיטן ים איז זייער קעניגרייך,
דאָרט שלאָגט זיי נישט קיין פּאַלקע, שעלט זיי נישט קיין צונג.
און שטאָלצע הויבן דאָרט זיך אויף דעם ים די קעפּ ביי זיי,
כּל זמן קיין לאַנד, קיין ערד, קיין שוואַרצע ערד באַווייזט זיך נישט.
אינמיטן ימים איז דאָס קעניגרייך, דאָס פרייע פון דיין פאָלק,
אינמיטן ימים, דאָרט ווו ס'איז קיין מענטשן-פוס געטרעטן נאָך—
ווייל ווו אַ מענטשן-פוס איז שוין געטרעטן,
טאָר דיין פאָלק נישט אומגיין אויף דער מאַמע ערד, נאָר אויף
שטעכיק דראָט פון האַס.
יוסף חיים ברענער האָט זיך איינגעשפּאַרט,
מיט זיינע גראָבע פיס האָט ער אויף דער ערד זיך אָנגעשפּאַרט.
און צו די גוים, וואָס אַרום האָט ער געזאָגט:
ברידער, אונזער ערד איז אייער ערד, און אייער ערד איז אונ-
זער ערד, לאָמיר זי צוזאַמען אַלע גראָבען מיט די
אייזנס, זייען מיט דעם קאָרן,

אונזער אַלעמענס די ערד, אונזער אַלעמענס דאָס ברויט, מיר
אַלע גלייכע טאַטעס פון דעם לעבען און גלייכע קינ־
דער פון דעם טויט.
האָבען זיי אים, יוסף חיים ברענערן ערנסט אויסגעהערט, אָנ־
געשאַרפט די מעסערס און צעשניטן ווי מען שניידט
פונאַנדער אויף באַזונדערע חלקים אין קיך א לע־
בעדיקן פיש.
האָבן זיך ברענערס צעשניטענע גלידער איינציקוויז געוואָרפן,
און אויף דעם זאַמד מיט בלוט געשריבען האָבן פינ־
גער אָפּגעשניטענע: מיר זענען גלייכע טאַטעס פון
דעם לעבן, אָבער נישט קיין גלייכע קינדער פון
דעם טויט, — — —
און ווי דער טורם פון בבל איז דיין פאָלק,
אויף אַלע שפּראַכן קומט עס נישט צו גאָט,
אויף אַלע שפּראַכען רעדט עס
און אויף קיין שום שפּראַך פאַרשטייט מען עס דאָך נישט,
נאָר אויף דער קלינגענדיקער שפּראַך פון געלט.
און ס'איז נישט אמת, אַז אַ פּאַנט פאַר גאָלד־טאַלאַרן איז דאָס
לשון פון דיין פאָלק אין מזרח פון איראָפּע,
ס'איז דער איינציקער פּראָצענט, יאָ פּראָצענט פאַר שטרומען
בלוט,
און פון עקל און פון בלוט־דערמאָנונג האָבן זיך די ווערטער
איינגעקאָרטשעט אין דער ווייהיץ פון די מיילער, וואָס
האָבן עס גערעדט,
ווי בלעך פון דעכער, וואָס קאָרטשעט זיך און דרייט זיך אויס
אין פייער,
ווי אין ווײ.

אָבער צום האַר פון דיין פאָלק,
וואָס בלייבט דיר דען איבער מער
זיי אַ מענטש צו אים, אַ מענטש, וואָס נעמט נקמה ביז צום
דריטן און צום פערטן דור,
און רייס זיין לייב מיט צוואַנגען, אויסגעגליטע אין דעם פייער פון אווטאָדאַפעען,
משפט אים בייטאָג און שטראָף אים אין דער נאַכט,
אין דער פינסטערער נאַכט, ווען דו ביזט איינזאַם און ער איז נישטאָ —
ווייל ער איז געזעסן רויק אין זיין פאַרמעטענעם שיפל און געשוואומען דורך דעם ים פון בלוט, וואָס איז צו הייליקן זיין שם געוואָרן אויסגעגאָסן,
ווייל ער האָט דעם אין בלינדן כישוף-קרייז פון תרי״ג מצוות, דיינע ברידער, ווי אין אַ טומאַן געפירט
שוין העכער דריימאָל תרי״ג בלוטיקע יאָר.
ווייל זיינע רעבאַלעך זיצן ביי די מאָגערע, אומאויסגעשלאָפן-שלאָפע בריסטן פון דיין פאָלק און זייגן
רויטע, שיטערע מילך, און אַז דער שטראָם פון מילך גייט שלאַפער,
רייסן זיי די ברוסט מיט זייערע קליינע תענטעלעך, מיט זייערע דינע פינגערלעך, וואָס האָבן שוין זינט דורות זיבעציק זיך אין קאַלטן וואַסער נישט גענעצט.

— — — — — — — —

דער לעצטער טראָפּן פון דער קרוג, דער אויסגעקערטער,
דאָס לעצטע וואָרט פון אויסגעקרומטע ליפּן
אין געפאַלן אין דער שאָטנדיקער פינסטערניש,
דער יונג שגעון איז אַנטשלאָפן,

כראָפּעט שווער אויף מיין געביין,
דעם קאָפּ פאַרבויגן אויף מיין אַקסל.
מיינע אויגן אויסגעשטשירעט. ווייס פון שרעק
אין דער ליידיקייט אַריין,
און פון דער סטעליע לאָזט זיך פּלוצים
פאַלן, ווי אַ גרויסע שפּין אויף אַ שפּינען־פאָדעם,
לאָזט זיך פאַלן אויף איר קרבן,
אַ ווייסע, פולכנע, אויסגעשטרעקטע, רבישע האַנט,
און לייגט זיך זאַנפט און שטיל אויף מיין מידן פּנים,
און הייבט אַ זאַנפטע אָן צו טריפן מיט ווייכע טראָפּנס שמאַלץ.
הויבט אָן גליען אונטער מיר די ערד,
און אויף מיר דאָס לייב פון יונג שגעון,
און עס גיט מיט מיר אַ ריס,
פאַלט דער יונג שגעון אין אַ בויגן, ביז אין ווינקל פון דער
שטוב פאַלט ער קרעכצנדיק אַראָפּ.
און דאָס ווייסע הענטל לייג איך אונטער מיינע פיס
ווי עס לייגן חדר־יינגלעך קנאַקן ניס.
קנאַקט זי באַלד אין אַלע קנעכאַלעך די האַנט
די רבישע, די ווייסע, פולכנע האַנט,
אַזש דאָס ווילד־האַרץ איז פון וויי,
אַזש דאָס ווײ־האַרץ איז פון ווילדער פרייד
אויפגעגאַנגען אין מיר, ווי אַ זון.

און — — שריט — — שריט האָב איך דערהערט,
שריט שווערע, שריט פון צוויטויזנט יאָר,
שריט שווערע, שריט פון צווייהונדערט לענדער,
שריט פון אַן אייביקייט אַרויס

אין אַן אייביקייט אַריין.
און אויף דער בריק איז מיין בליק געפאַלן,
און אויף דער בריק זענען פיס געשטאַנען,
שווערע, אין שמאַטעס געוויקלטע פיס,
די וואונדיקע פיס פון מיין וואַנדערפאַלק,
און געפאַלן איז מיין לייב, און געזוכט האָט מיין גייסט
דאָס וואָרט פון דער ליבע, דאָס איינציקע וואָרט,
און ס'האָבן די ליפן געפונען דאָס וואָרט
און האָבן זיך צוגערוקט שטילע
צו די שמאַטעס־געוויקלטע פיס,
און זענען זיך, ווי אַ קינד אין געוויין,
פאַרגאַנגען
אין אַן אָן־אָטעמדיק לאַנגען, טיפן קוש.

האָט דער יונג שגעון זיך פון ווינקל אויפגעהויבן, צוגעקומען נענטער, אַ קאָפּ געטון מיר אינם שאַרבן, אַזש דאָס מויל האָט זיך פון פיס אַראָפּגעריסן, ווי אַ פּיאַווקע באַשיט מיט זאַלץ.
האָט דער יונג שגעון אויפגעמאַכט די טיר, — און פון דרויסן האָט אַ ווינט געטון מיט קעלט.
און פון דער שוועל האָט ער צוריק אַ וואָרף געטון מיין יידיש האַרץ:
— הענט פאַרשפּייט ער, שמאַטעס קושט ער, נעם דיין האַרץ, די שמאַטע האַרץ צוריק!
האָב איך האַסטיק עס אַ כאַפּ געטון צוריק דאָס האַרץ, און קיין פונק פון לעבן איז אין אים נישט מער געווען,
און מיט דער לעצטער קראַפט האָב איך צום יונג שגעון נאָכגעוואָרפן ווערטער:

— ווייסע הענט פון פירער טרעטן מיינע פיס, שוואַרצע פיס פון פאָלק קושן מיינע ליפּן.

זענען מיר געבליבן זאַלבאַדריט:
דאָס טויטע האַרץ, דאָס יידישע, אויסגעגאַנגען, אָן אַ טראָפּן בלוט, ווי אַ פיש אָן וואַסער אין די הענט פון יונג שגעון.

מיין קאָפּ
און איך
און אין מיר דאָס ווילד־האַרץ.
זענען מיר געגאַנגען זאַלבאַדריט
געגאַנגען אין אַ טאַנץ,
אין אַן איינזאַמען, אין אַ טויט־שטילן,
אַן אויף איין־אָרטיקן, אַן אָן־איין־ריריקן
טאַנץ מיט אַלע חושים,
אין אַ ריקוד־הריקודים,
אין אַ טאַנץ פון אַלע טענץ,
פון דער וועלט אַרויס און פון זיך אַרויס,
אויף דער ווייסער, ווייטער פלאַך אַרויף, אויף דער ווייטער, דער אומענדלעכער, דער פאַרשנייטער, ווייטער פלאַך פון דעם פלימערדיקן ווילד־חלשת.

ס י נ ט ע ז ע

די שוואַרצע פייגל, די נאַכטיקע שעהן
האָבן די גאַנצע נאַכט געפלאַטערט

איבער מיין ווילד־פֿאַרחלשטן קאָפּ,
און זענען באַגינען אַוועקגעפֿלויגן, פֿלאַטערנדיק, שרייענדיק
כוואַ, כוואַ, כוואַ־אַ־אַ־אַ,

האָט זיך פֿון ווילדן געשריי דער קאָפּ
אויפֿגעכאַפּט און האָט אין פֿענסטער דערזען
ליגן אַ כמורנעם טאָג,
אַ כמורנעם, רעגנדיקן טאָג אַזוי ווי אַ גרויע קאַץ,
זי איז פֿון פֿענסטער־ברעט אַראָפּגעשפּרונגען און גענומען
שפּאַנען איבער מיין שטוב אויף אַלע ווייכע פֿיר
לאַפּעס,

האָב איך אויך גענומען שפּאַנען מיט דער גרויער קאַץ,
איך אַהין און זי אַהער,
איך אַהער און זי אַהין, איך אַהין און זי אַהער.
איז די פֿאַרצווייפֿלונג ווילד געשטיגן אין מיר,
איך אַהער און זי אַהין,
און ביי דעם קאָפּ האָב איך מיט ביידע הענט מיך אָנגעכאַפּט,
האָט ער זיך גלאַט פֿון האַלז אַראָפּגענומען,
ווי אַ שווערער באַל אין מיינע הענט איז ער געבליבן.
האָט זיך צוויי מאָל ווילד אַרומגעקוקט
און גענומען רעדן.
ס'האָט זיין ווישט, דער צעטיילטער אַלעמאָל אַ האַסטיק צי גע־
געבן אָטעם.

מיט אַ ניגונדל האָט ער די ווערטער זיינע שטיל באַגלייט
און גערעדט אַזעלכע רייד:

— אָ, אפשר איז אויפֿגעשטאַנען דאָס בלוט פֿון כנענס אורפֿע־קער,

וואָס איז דרייטויזנט יאָרן לאַנג געווען באַגראָבן אין דער זאַמ-
דיק ווייסער ציון-ערד?
ווי ווײַן האָט זיך דאָס בלוט געשטאַרקט אין דעם קעלער פון
דער ערד,
אין דרייטויזנט יאָרן צייט.
דאָס בלוט, אויף וועלכן דיין פאָלק האָט אויפגעבויט
די טויזנט יאָרן פון זיין מלכות!
אָ, אפשר שרייט עס שאַרף, דאָס בלוט פון יעדן חלף, וועל-
כער גליטשט זיך
אויף די העלזער פון דיין פאָלק?!
און אפשר ברומט עס פון יעדער פאָלקע-פייף,
וואָס פאַלט אויף דער נאַקעטער שטייף
פון דעם ביינערנעם הפקר־שאַרבן פון דיין פאָלק?!
און אפשר צישט עס ווי אַ שלאַנג פון אַ יעדן שטריקן שלונג,
וואָס שלאַנגט זיך אַרום דעם האַלז פון דיין פאָלק?
און אפשר פלאַצט עס פון אַ יעדן ביקסן־קויל, וואָס וויל זיך
איינפרעסן אין דיין פאָלקס אַנטלויפנדיקן רוקן?!
ווייל וואו איז, וואו איז דען די זינד, וואָס האָט דיין פאָלק
געטון,
אַז זיין מוז עס ווי ס'איז אַן אַלטע מאַמע,
וואָס אירע זין, וואָס האָבן זיך אָן אירע ברוסטן זאַט-געזויגן,
דערפילן שאַפנדיקע קראַמפּט אין די מוסקולן,
גייען זיי אַוועק פאַרנאַכט אַמאָל
אָן אַ זיי-געזוגנט?
זיי גייען פריילעכע צו דער יונגפרוי וועלט
ווי די יונגען צו דער מויד.
און די יונגפרוי-וועלט איז זשעדנע אויף זייער יונגן בלוט-געמיש.

ווערן זיי גרויס און באַרימט אויף דער וועלט.
אָבער אויף די רואינעס פון די אַמאָליקע דעכלעך
קריכט די משוגענע, אַלטע מאַמע פאָלק אַרום
און קלאָגט אויף אירע אַלטע יאָרן.
און ווען אַ פרעמדער דערבאַרעמט זיך אַמאָל,
און זעצט זיך אויף די שטויביקע בערגלעך פון אירע אַמאָליקע
פריזבעס,

שטרעקט זי אויס אירע ביינערדיקע הענט צו דער וועלט,
און ווייזט אַהין, אַהין,
צו אירע באַרימטע זונען־זין, וואָס פלעגן ביי אירע בריסטן
אַמאָל די קינדער־מילך צו זויגן. און ווי זי זאָגט
עס, נעמט זי אירע אַלטע בריסט אַרויס און ווייזט:
גלויבסט עס נישט, פרעמדער מאַן, אָבער עס איז די
זעלבע ברוסט, — —

און קיינער גלויבט איר נישט מער
דער משוגענער, אַלטער מאַמען, דיין פאָלק.
די אייגענע זין אַנטלופן פון איר, פון דיין מאַמען, דיין פאָלק.
און די פרעמדע זין האַסן עס.
אָ, ווי אַזוי קאָן לעבן אַ פאָלק, וואָס ווערט אַזוי געהאַסט?
ווי אַזוי קאָן לעבן אַ פאָלק, וואָס ווען עס מאַכט די אויגן
אויף אין אַ פרילינגדיקן טאָג.

אויף גריבע פעלדער און בלויע טייכן,
דערפילט עס אויפן סאַמע שוואַרץ־אַפּל פון אויג
הענגען פיאַווקעס פון האַס,
פון אויגן וואָס זענען אייביק אויף אים געווענדט?
אויף דעם סאַמע שוואַרץ־אַפּל פון אויג הענגען פיאַווקעס פון האַס.

אָ, אינמיטן פון די פעלקערס ווינטער בויען מיר אונזער הויז
פון פאַרגייענדיק גליק,
אויף געפרוווירענע טייכן פון פרייהייט בויען מיר עס,
אָבער די פעלקער אַרום אונז בויען אויף ערד,
אונטער דעם פראָסט און דעם שניי דערשמעקן זיי ערד און
בויען אויף איר זייער גליק,
און ווען די פעלקערס פרילינג קומט,
פּלייצט אויף אונזער טייך און דאָס גליק-הויז צערינט, און דער
טייך ווערט אַ טייך פון בלוט,
אָבער זייער הויז שטייט געפונדעוועט און געפעסטיקט,
און אונז טראָגט דער טייך, דער רויטער טייך.
און ווען די פעלקער גייען צו פרייהייט,
די וועלדער שאַלן און וואַלן צופאַלן פאַר דעם באַפרייאונגס-ליד,
דאַן לאָזן זיי אונזער פאָלק מיט דעם וויבער-פאָלק און דעם
קינדער פאָלק ביי זיך אין דער היים, צו שפּאָט און
צו האַס.
און ווען זיי קומען פון קאַמף צוריק,
באַגלייט זיי אונזער אויג, דאָס מידע,
אָן פאַרשטענדניש גאַפט דאָס אויג, דאָס צונטער-רויטע,
וואָס האָט זיך אויפגעהויבן ערשט פון דעם געלעגער פון די
טויטע,
פון קינדערלעך טויטע און פון אַלטע טאַטעס טויטע,
וואָס האָבן אויסגעשטרעקט די העלדזער ביי די גרינע שוועלן
פון באַפרייטע פעלקערס פרילינג.
אָ, דאָס געזאַנג איז פון גרינע פעלדער און וועלדער,
און דאָס יונגע האַרץ איז פאַר ווייסע שיקסעס,
און דער שריט פון קאַמף איז פאַר באַפרייאונג,

און דער שריט פון זיג פאַר טריומף.
נאָר פאַר אונזער פאָלק איז דער בעכער פון האַס געבליבן.
זשלאָקעט עס דעם האַס,
ווי דער בענקאַרט זשלאָקעט
פּאָמיעס פון רייכע טישן.
אָ, ס'קאָן זיך בויען שוין די וועלט פון ליבע און געזאַנג
און פּראַכט
ווייל דאָס גרויסע, פולע, קיילעכדיקע שאַף פון האַס, וואָס איז
אין וועג געשטאַנען, האָט מיין פאָלק דערזשלאָקעט
ביז צום דנאָ.

און איינמאָל טרעפט,
אַז אין די פעלקערס אויגן צינדט זיך אָן דער אורמענטש,
און די פעלקערס הענט נעמען אייזן אָן
און גייען גערן, מענטש — אַקעגן מענטש.
בלוט צו טרינקען,
ווייל צוליב זיין ווילדקייט פירט דער מענטש מלחמות,
אַ שטיק ערד נעמט ער צו זיך, צוימט עס אַרום מיט דעם
אומזיכטבאַרן צוים פון גרעניץ,
כדי צו קענען עס מיט בלוט פאַרטיידיקן,
און מאַרקסיסטישע טעאָריעס זענען אויך אַזעלכע אמתן, ווי די
קריגס־בריוו פון צעזאַרן.

בלוט גייט טרינקען דער מענטש.
און דעמאָלט קאָן געשען,
אַז אין דעם אורמענטש־ליכט גייט אויך אונזער פאָלק,
פאַר־פיר־טויזנט־יעריק, אוראַלט,
אורמענטשלעך מיט אַלע פעלקער באַגלייך.
אָבער אינמיטן דער שמחה פון בלוט,

אינמיטן פון היל, פון קריג און פון מוט,
הויבט די ערד אָן ברענען אונטער אונזערע פיס,
הויבט זי אָן שרייען העכער און העכער
מיליאָנען טרעטן, טרעטן זיי זיכער,
און ווי דעם אומזיכערן רייטער דערפילט דאָס פערד
און וואַרפט אים אַראָפּ,
דערפילט אונזער שריט די ערד,
און שרייט —
— איך בין נישט דיין, טרעט נישט אויף מיר,
גיי זוך דיר אַן אַנדער ערד,
אַן אַנדער ערד.
ביי מיין שוועסטער, דער ערד, וואָס ליגט דאָ דערגעבן, גיי פרעג! —

הויבן מיר די פיס, ביז צו די אַקסלען הויבן מיר זיי,
און לויפן, לויפן,
מיט צעפלאָשעטע פּאָלעס זוכן ערד, ערד, אַן אַנדער ערד.
און ווי ס'בלייבט איינזאַם ברודער מענטש
צווישן אַלע זיינע ברידער,
אַזוי איינזאַם בלייבט אַ פאָלק
צווישן אַלע פעלקער,
איינזאַם, איינזאַם בלייבט אַ מענטש,
עסט מיט דיר ביים זעלבן טיש,
שטייט ביי איין ווארשטאַט מיט דיר, בלוטיקט שוויס און שטינקט ווי דו,

שלאָפט מיט דיר אין זעלבן בעט.
און דעמזעלבן פריילינגס תאווה קאָפּעט איבער זייערביידנס לייב,

און מאַכט אַ בערגל פּרוכפּערדיקע ערד פון איר, צו געבוירן מענטש.

אָבער איינזאַם בלייבט ער, איינזאַם.
אַזוי וואוינט ברודער פאָלק מיט ברודער פאָלק אויף איינער ערד.

איין טויט קאָפּעט איבער זייער ביידנס פעלד,
און איין זון לאַכט איבער זיי,
שלאָפן אין איין בעט פון ערד
אָבער ווען איין פאָלק שטייט אויף
פון זיין ווילדן ווי אינמיטן נאַכט,
בלייבט זיין שריי הענגען אין דער שווארצער לופט,
מוראדיק און שטאַר,
ווי אַ פויגל פאַר דעם רויב,
ווי דאָס נאַכט-געשריי פון אַ וויסטן טרוים אַפיר.
מענער שטייען אָפּט אינמיטן גאַס און לאַכן,
לאכן פון מענער, פון זייערע ברידער, די גוטע לאַכן און די שלעכטע שלאָגן;

און ס'שטייען די מענער פון אונזער פאָלק,
שטייען געפּענטעט, ווי מיט שטריק, מיט דעם געשריי פון
ווייבער און פון קינדער, וואָס בעטן זיך: אַנטלויף,
די קינדער ביי די בריסט האָב אין זין!
וויינען די מענער פון אונזער פאָלק, וויינען אַן אוממאַכט-געוויין,
און נעמען מיט שמייכל אויף — בלאָטע פון קינדער אויף הויכע
שטערנס און קללות פון ווייבער אין אָפענע אויגן.
אָ, די חיה מענטש איז שוין אַזוי אויף דער וועלט געקומען.
מיט אַ קרייז אַרומענומען,
מיט אַן ענגן האָריזאָנט,

און גאָט האָט זי נאָך צוגעשלאָגן
מיט אַן איבריק מאָס פון בלינדקייט,
און אָן זיין אייגן פאָלק שפּאַרט זיך אָן דער מענטש,
און גייט דעם וועג, וואָס שטרעקט זיך צווישן די צוויי פּאָלוסן
פון נישט זיין.

און רופט זיך אָן דאָס לעבן.
ענג אַרומגעוויקלט מיט דעם ויידנפּאָדעם פון דעם האָריזאָנט.
אויף די פיר טעמפּע פיס פון זיין בעט שפּאַרט ער זיין לייד־
ביק לעבן אָן
און אָן די פיר טעמפּע דאָגמעס פון פאָלק שפּאַרט ער אָן
זיין גייסט:

דאָס לאַנד איז מיין.
דאָס לאַנד איז דיין, מיין ברודער,
דאָס לאַנד איז אונזער, מיר פאָלק,
דאָס לאַנד געהערט צו אונזער גאָט.
אָבער אָן וואָס זאָל מיין גייסט זיך אָנשפּאַרן?
אַלע טיילן פון מיין פאָלק זענען שלאַבעריק אַזוי,
שלאַבעריקע זענען זיי, ווי די גלידער פון אַ פּאַליקן,
גליטשיקע,
אויפגעשוואָלענע גלידער פון אַ האַלב־טויטן לייב.
איבער דער וועלט ליגט ער און גליד איבער גליד קאָנוולסירט.
אַלע מאָל אין אַן אַנדער טייל פון דער וועלט
אַלעמאָל אין אַן אַנדער עק פון דער צייט.
אָ, מיר פאָלק פון אייביקער פאַרגאַנגענהייט,
אָ, מיר פאָלק פון אייביקער צוקונפט־לאָזיקייט.
און בויען, בויט זיך אָן אונז די וועלט פון גוף,
איבער אַלע שטעט און דערפער קלינג דער רוף,

וועלט,
גשמיות,
קלוגשאַפט,
גוף.
נאָר אונזער פאָלק האָט דעם אוצר פון גוף געביטן,
אויף די ירידים פון דער וועלטס יאָרהונדערטן
אויף דעם קליינגעלט פון גייסט,
וואָס קלינגט און פילדערט אומעטום.

און ס'נעמט דער קאָפּ אַ טולע מאָס פון אָטעם אָן,
פאַרמרויזשעט די אויגן,
און פּאַטעטיש נעמט ער דעקלאמירן:

— אָ, דו ביזט שולדיק יאַהווע, יאַהווע,
נעם דיר די בערגער פונם גייסט צוריק,
וואָס ליגן ווי מיסט ביי די דינע וועגטלעך פון אונזער קאָרטן־
הויז פון פּאַפּירן גליק;
נעם שנייד דיר אָפּ די הידראָצעפּאַלישע קעפּ אינזערע,
און וועג זיי אויף דער וואָג פון דיין גערעכטיקייט,
און גיב אונז הענט און פיס אין דעמזעלבן געוויכט,
גראָבע, מוסקולאַרנע הענט,
הענט פון אַרבעט אין דער וועלט פון אַרבעט,
הענט פון קריג אין דער וועלט פון קריג,
הענט פון דער געדאַנקענלאָזיקייט!
ווי שטאָלערנע שפּיצן אין אַ מענטשלעכן גוף
וואַנדערן די אָפּגעריסענע ברעקלעך פון דער נשמה פון אונ־
זער פאָלק,

און ווו זיי קריכן אַפיר
דאָרט וואַקסט געשוויר;
ווי שטאָלערנע שפּיצן זוכן זיי דעם מאַגנעט,
זוכן דעם שטאַם,
אָבער ווו איז, ווו איז דער שטאַם?
ווו איז דער שטאַם, דער מאַגנעט?
אָ, צו אַלע פעלקער האָסטו געגעבן פּאַסן לאַנד פון דיין ערד.
צו אַלע פעלקער צו איין רינג ערד, איין האָריזאָנט.
און זעען זיי די בליונג אין פרילינג איז די בליונג זייער.
באַנעמען זיי די ערד,
אַזוי ווי אַ מאַן באַנעמט אַ ווייב, ווען זי וואַרפט אים קינ־
דער פון איר לייב:
רייטן זיי אום אויף דעם קאַרוסעל פון זייער ענגען האָריזאָנט,
שיכּורע פון זאַטקייט און פון וויין,
איינמאָל אַרום און נאָכאַמאָל אַרום;
אָבער אונז, דיין פאָלק פון אַלע פעלקער
האָסטו אָנגעהאָנגען אַ קייט פון האָריזאָנטן אויף דעם האַלז:
הענגט די שפע פון אונזערע האָריזאָנטן פון אונזער האַלז
אַראָפּ,
און אויף די אויערן צווי גרויסע, קיילעכדיקע האָריזאָנטן,
און אין דער לאַנגער נאָז אַ גאָזן־האָריזאָנט,
זיי רייטן אויף זייערע האָריזאָנטן
און אונזערע האָריזאָנטן רייטן אויף אונז.
זיי האָסטו געגעבן אַן אָרעם שטיק לאַנד
און אַנדערע נאָך אַ שטיק וואַסער דערצו.
אונז אָבער האָסטו געגעבן די גאַנצע ערד,
און אויסגעגאָסן פאַר אונז דעם גאַנצן ים,

כדי מיר זאָלן שפּאַנען אייביק וואַנדערנדיק אויף איר,
אייביק זי מעסטן, די ערד,
אייביק אים איבערגיסן, דעם ים,
און קיינמאָל זיי נישט האָבן — — —
אָ, בעסער, וואָלסטו אונז געגעבן אַ שטיק ערד, וואָס זאָל נישט
אויסזעצן מיט צרעת, ווען אונזער אויסגעפּייניקטער
לייב לייגט זיך מיד אויף איר אַנידער.
אָ, וואקסן זאָל אויף איר אַן אָרעם און אַ זויער ברויט,
און רינען שטיל אַן אָרעם וואַסער זאָל אויף איר;
בעסער וואָלסטו אונז געגעבן אַ שטיק ערד, וואָס זאָל אַזוי
פאַרוווּנדיקט זיין, ווי מיר.
אפשר וואָלט עס ווערן אונז אַ פריינט.
אָ, גיב אונז, גיב אונז נאָך היינט אַן ערד,
אַ שטיק ערד, וואָס כאָטש אַריינגעזעצט צווישן אַנדער לאַנד,
איז עס דאָך געוועזן איינזאַם,
ווי מיר, אריינגעזעצט אין דער איבעריקער מענשהייט,
אפשר וועט עס אונז פאַרשטיין, אָט אַזאַ מין לאַנד, אַזאַ וויסט
שטיק ערד,
און וועט אַ חבר זיין מיט אונז.
און וועט אונז ליב באַקומען, ווי אַ הויקער האָט אַמאָל אַ
בלינדע ליב.
און וועט מיט אונז צוזאַמען
בויען זיך אַן אָרימע און אַ שטילע וועלט.
אָדער איז נישטאָ אַזאַ שטיק ערד אויף דער אויבערפלאַך
פון ערד
דאַן גיב עס אונז אונטער דער ערד,
און אונזער זון וועט זיין פון שווארצן ליכט.

און דינען וועלן מיר צום טויט,
טויט וועט זיין דער גאָט.
ער וועט אויפגיין יעדן טאָג איבער אונז,
מיט אזויפיל פינסטערניש,
מיט וויפיל ליכטיקייט עס גייט
די זון אויף אויף דער ערד.
באָר גיב אונז אַ שטיק ערד, וואָס זאָל נישט אייטעריק און און געשווירק ווערן,
ווען אונזער אָרימער סקעלעט לייגט זיך מיד אויף איר אַנידער.

און דער קאָפּ און מיינע הענט
האָט דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט,
דער וישט איז ביי אים
אביסעלע פאַרטרוקנט שוין,
און די נאָז איז אַ פארשפיצטע און אַ בלאַסע שוין ביי אים,

האָט זיך לענגער אויסגעצויגן,
און פאַרגלייזט די אויגן האָט ער,
און גענומען ווייטער דעקלאַרירן:

אָ וואָרט צווישן אַלעווילדע ווערטער.
אוראַלט;
וואָס דיין אות, דאָס ערשטע איז אונזער וויפולער נאָמען אין דער וועלט;
יענער נאָמען, פון וועלכן דאָס מויל פון אַלע פעלקער נעמט פינען פון האַס;
אָ, וואָרט

דרייעקיק אין דיין באַטייט,
מעכטיק; ווי די פּיראַמידעס פון מצרים; וואָס בויענדיק זיי,
האָט דאָס קראַנקע מויל פון דעם פירער פון דעם קנעכטן־פאָלק
עס אַרויסגעשטאַמלט.

אָבער אין זיין שטאַמלונג האָט ער גאָך
דעם היה, הוה און יהיה
און אים אַריינגעפּרעסט.
אויף דיינע זעקס און צוואַנציק פּיס,
ווי אַ מעכטיקער וואָרעם, מיט אַ גלאַנצנדיקן רוקן און שניידנ־
דיקע שערן אין מויל,
קריכסטו מיר זעקס און צוואַנציק מאָל אין יעדער רגע פון מיין
מויל אַפיר.

ווען עס זוכט דאָס וואָרט,
מאַכטלאָז, געדאַנקענלאָז, אין עמעצנס ווילן מיט שנירן געוויקלט,
ווי דעם זויג־קינדס ליפּן זוכן דעם מילך־וואָרצל פון דער ברוסט,
אַ, וואָרט,
וואָס אַלע פעלקער רופן אין זייער תמימות און אין זייער
פּראַסטיקייט:

גאָט — —
ביזטו דאָך צווײמאָל דרייצן, צווײמאָל גאָט,
יהוה.
אָבער אַ וואָרט ביזטו, אַ וואָרט,
דער דינער באַלקן, אָן וועלכן מיינע טרענקענדיקע ליפּן טשע־
פּען זיך

ווען איך פלייץ, ווי אַ שווימענדיקע האַק
געגן דעם שטראָם
און געגן דער טיף

פּײַן ווײ,
יוד
הה
וואוו
הה!
נישט אין מײַן נויט האָב איך צו דיר גערופן,
נישט אין מײַן פרייד האָב איך נאָך דיר געבענקט,
נישט מיט דײַן נאָמען אויף די ליפּן האָב איך אויפגעצויגן
מײַנע קינדער,
נישט צו דיר האָב איך מיך פאַרטרויט, ווען כ'בין געווען מיט
נאַכט און טויט אַליין.
נאָר איצט וואַקסט אַ תּפילה פון מיר אַרויס,
ווי אַ דאָרן וואַקסט זי,
אַרום מיר אין מײַנע שלעפן,
און באַדעקט זיך מיט שטעכעדיקער בליט,
אָן בלעטער וואַקסט אַ טרוקענע תּפילה צום נישט-זײַן,
אָ, דו ביסט דאָך דער האַר פון זײַן און פּײַן נישט-זײַן!
דאָס זײַן האָב איך דיר נישט געטרויט,
דערפאַר וועל איך מיט דאָפּלט-האַרבן גלויבן
דאָס נישט-זײַן דיר איצט געטרויען.
טו גאָט, אַז פרוכפּערן זאָל זיך נישט מער
די לעגנדן פון מײַן פאָלק,
זאָל דאָס נאַכטלעכע פייער פון זייַנע מיידן
זײַן ווי דאָס פייער פון שייערן מיט הוילן שטרוי
וואָס ברענען אין דער נאַכט אַריין,
אין ווינט אַריין — פּוסט.
אָ, זאָל די תּאווה זייערע טרוקן זײַן.

ווי האַלץ אין זומערדיקער מיטאָג־זון,
צו וואָס זאָלן פּרוכפּערדיק ווערן די שויסן, ווען זייער פרוכט
דאַרף וואַקסן פאַרטריבן פון גאָט, ווי דאָס געלע,
ביירדיקע גראָז, וואָס וואַקסט צווישן שטיינער אין
גרויסע שטעט?
פאַרוואַנדלט דעם רויזן־ריחדיקן זאַפט פון דער תאווה אין שמו־
ציק זאַלץ־וואַסער!
און אומפרוכטבאַר מאַך די טראַכט פון דיינע שוואַרצע מיידן.
נעם אויך אונז אונטער דיין מעסער,
דו פעלקער־צעשטערער,
דו, מצרימס שטראָפער,
וואָס האָסט עס אָפּגעמעקט פון דער פלאַך פון דער ערד און
פון שפיגל פון ים,
דו, וואָס רוים האָסטו געוואָרפן אין דעם אָפּגרונט פון פאַר־
געסנקייט,
אָ, זאָל דער גורל־ביין, וואָס וואַרפט מיט אונז
שוין אַזויפיל הונדערט יאָר
פאַלן אויף דער זייט, וואָס איז אינגאַנצן שוואַרץ,
און איר חותם וועט באַטייטן טויט.
צעשטער אונז,
היה, הוה ויה ה.
אין פאַר גאַנגענהייט
געגנוואַרט
און צוקונפט
צעשטער אונז!
אונזער צייכן איז געוועזן,
אַ וועלט, אַ נייע אונטער דער הערשאַפט פון דעם גייסט.

צום ידישן פאָלק

נאָר מיר זענען מיד שוין, מיד און אָפּגעשוואַכט,
אונזער חוט-השדרה איז שוין בראָכיק און איז הויל,
פּרוּװ און גיב אַ קלאַפּ מיט דיין הערשער-רוט אויף אים,
וועסטו הערן ווי ער קלאַפּט, ווי אַ הוילע רייר.
און די הערשעפט פון גייסט איז ווייט נאָך, איז ווייט.
אונזער אויג, דאָס עובר-בטלדיקע זעט שוין מער נישט אַזוי ווייט.
כּל זמן מיר זענען יונג געווען איז אַלץ געווען גוט,
אָבער איצט?
קויף דיר אַן אַנדער פאָלק,
פעלקער זענען דאָ גענוג,
נעם צוריק די פינף שטיקער גאָלד, פאַר וועלכע דו האָסט
מיט דרייטויזנט יאָר צוריק אונז מיט בלוט און גייסט געקויפט.
דער קאַפּיטאַל איז גאַנץ,
און פּראָצענט —
דור-איין, דור-אויס האָבן מיר געצאָלט מיט בלוט.
קויף דיר אַן אַנדער פאָלק,
טו אים אָן דעם טלית פון דעם וועלט-אויסלייזער,
זאָל עס קריכן, ווי מיר
אונטער דעם טלית אויף אַלע פיר,
דער אויסלייזער זיין,
און אויף אונז אַלטע און מידע
לאָז אַראָפּ דעם גורל אויף זיין שוואַרצער זייט.
סוף.
מיר לייזיקע קענען שוין מער נישט קיין וועלט-אויסלייזער זיין.
נעם אַראָפּ דעם שטאָלצן חותם פון אונזער שטאָלץ געוועזענעם שטערן,
אויף וועלכן עס שטייט געשריבן:

דאָס פאָלק האָט געבוירן דעם פאָטער-דערלייזער משה און זיין זון יעזו-קריסט.

און אַ חותם שטעל אַרויף אַזאַ:
דאָס פאָלק איז געוועזן אַמאָל אַ פאָלק.

און פּלוצים האָט דער קאָפּ
גענומען וואַרפן מיט די אויגן,
ווי ער וואָלט געזוכט נאָך הילף,
ווי ער וואָלט געשנאַפּט נאָך אָטעם.
געוואָרפן האָבן זיך די אויגן,
געוואָרפן און געדרייט,
ביז ז'האָבן, ווי די שרויבן
זיך אַרויסגעדרייט,
און זענען אָן אַ טראָפּן בלוט אויף דער ערד געפאַלן,
און דורך די לעכער האָט געשטאַרט
די פּוסטע הייל פון מוח.
און ווי דאָס לעצטע בלוט פון אָדערן געשאָכטענע,
האָבן שנירל-וויַיז געטריפט די לעצטע ווערטער פון דעם מוח:

אָ, דעריבער איז אַן איבעריקס אין מיינע אויגן, מיינע אויגן
די געוועזענע, יעדעס אומשולדיקע שלמהלע
וואָס ליגט אַ שרייענדיקס און וויינענדיקס ביי דער מאַמע
בריינעס ברוסט,
דעריבער איז אַן איבעריקס אין מיינע אויערן יעדעס אומשול-
דיקע קולכל, וואָס קלינגט פונאַנדער מיט אַ לידל אין
דעם ענגן געסל, אינמיטן פרעמדן פרילינג.

צום יידישן פאָלק

ווייל דער יאוש האָט אין יענעם אָרט פון מיין, נאָך נישט
צעפלעטן שאַרבן, וואָס ווערט אומאויפגעפלעטערהייט
שוין שטאַרבן,
ווו ביי מענטשן וועבט די האָפנונג און דאָס לעבן,
אויסגעבערענט אַ לאָך,
און ס'שלענגלט זיך אַ וואָרט פון דאָרט
מיט דעם רויך,
אונטערגאַנג.

איך זע אַ פעלד,
אַ וועלט מיט צלמים,
איך זע אַ וואַלד,
אַ וואַלד מיט צלמים,
זיבעצן מיליאָנען צלמים,
איך זע אַ באַרג, אַ גרויסן, גרויען באַרג,
און אויף דעם באַרג דער וואַלד מיט צלמים,
איך זע אַ פאָלק גיין באַרג אַרויף,
איך זע די ערשטע מענער ביי די ערשטע צלמים שוין
איינער הענגט דעם אַנדערן, איינער שלאָגט דעם אַנדערן צום
צלם צו,
און די אַנדערע גייען ווייטער.
איך זע, ווי די מענער פאַרשטאָפּן די מיילער פון די דער-
שראָקענע ווייבער,
איך זע, ווי די ווייבער פאַשטאָפּן די מיילער פון די דערשראָקע-
נע קינדער,
און גייען ווייטער
אין באַרג אַריין, אין וואַלד אַריין, אין צלמים-וואַלד אַריין.

איך זע אַ מאַן,
דאָס פּנים זיינס צום פאָלק געקערט,
ער גייט פאָרויס אין וואַלד אַריין
און זיינע שריטן אויף צוריק — — —
איך הער זיין וואָרט, זיין איינציק וואָרט
שמד —
שמד —
שמד —
ווער איז דער מאַן?
ווער איז דער מאַן?
מיין אייגן פּנים האָט דער מאַן. ווו זענען מיינע אויגן? ווו
איז מיין פּנים דען?
מיין פּנים האָט דער מאַן, מיין פּנים.

האָט געזאָגט דער קאָפּ,
איז שווער געוואָרן,
האָט זיך פון די הענט אַרויסגעגליטשט
און זיך געקוילערט דורך דער שטוב,
ביי יעדן קוילער האָט די נאָז
אָנגעשלאָגן אָן דער בריק —
ביז אין ווינקל פון דער שטוב.

דאָרט איז ער געלעגן דרייהונדערט יאָר
ביז צו דעם יאָר זעקסטויזנט.

און אַז ס'איז געקומען דער טאָג און די שעה
זענען געקומען צוויי מענער צו גיין,
און אָנגעקלאַפּט אין דער אוראַלטער טיר.
האָט זיך דער קאָפּ געגעבן אַ ריר
זיינע ליפּן האָבן געפרעגט:
— איז שוין די צייט און איר זענט געקומען נאָך מיר?
האָבן געענטפערט די בערדיקע מענער:
— מיין נאָמען איז אַרבעט.
— מיין נאָמען איז חכמה.
— מיר האָבן געבויט און האָבן דערבויט
די צווייטע מדרגה וועלט,
און אויף דער גרענעץ פון די צוויי וועלטן
האָבן מיר ביידע אויפגעשטעלט
אַ טויער, וואָס לאָזט אַריין, און לאָזט נישט מער קיינמאָל אַרויס.
און היינט איז דער טאָג, היינט וועט גיין דער מענטש
דורך דעם טויער צו דער צווייטער וועלט,
און דעם טויער האָבן מיר צוויי, מיר אַרבעט און מיר חכמה,
געהאַמערט פּראָסט, ווי מיר זענען אַליין,
מיר אַרבעט און מיר חכמה,
און אַז מיר האָבן די פעלקער געציילט,
די פעלקער פאַר אונזער טויער
האָט אונז צו זיבעציק פעלקער געפעלט
איין פאָלק,
זענען מיר איצטער געקומען צו גיין,
צו נעמען דיין יידישן קאָפּ,
צו נעמען דיין קאָפּ און אַרויפשטעלן אים
אויף דעם טויערס העכסטן טורם.

און מיר װעלן שטײן, אײנער רעכטס, אײנער לינקס
און װעלן צו יעדן פאָלק, װאָס װעט גײן
דורך דעם טױער פון דער בײער װעלט
באַפעלן אַזױ:

דאָס אױבן איז דער ייִדישער קאָפּ
פון דײן ערשטן ברודער, דײן עלטסטן ברודער אין גײסט,
און דו ביזט דאָס צװײטע פאָלק,
און דו ביזט דאָס דריטע פאָלק,
און דו ביזט דאָס צענטע פאָלק,
און דו ביזט דאָס זיבציקסטע פאָלק,
זײן גײסט האָט ער דיר געגעבן אַלײן,
זײן בלוט האָסטו דיר גענומען אַלײן,
שליס זײן צעבראָכן פּנים
אין דײן געזונטן האַרצן ארײן,
דײן זינד זאָל דיר פאַרגעבן זײן,
און דו זאָלסט אײביק א גוטער זײן.

און ס'האָבן די בערדיקע מענער געחתמעט זײער װאָרט,
אױף דעם שטערן פון ייִדישן קאָפּ, און האָבן אים בײ־
דע געקושט;

האָט אױפגעלױכטן ער װײס און גרױס און קלאָר,
דער ייִדישער שטערן
אין זעקסטן טױזנט יאָר.

משפט
איבערן טויט

ברודער מיינער,
שוועסטער מיינע,
האַרציקע,
הונדערט אין דער צאָל,
הונדערט טויזנט,
צוויי מיליאַרדן,
אַלע:
לאַכט נישט פון דער אויסגעטראַכטער מעשה,
וואָס איך גיי אייך דאָ דערציילן,
אין מיינע פאַלשע ריטמען,
און געמיינע גראַמען.

דאָ אַנומלט בין איך אויפגעשטאַנען
זייגער פיר פאַרטאָג,
און צום פענצטער בין איך צוגעגאַנגען,
און דערזען האָב איך אַקעגנאיבער שטייט מיין שכן אויך ביים פענצטער.
— אַ גוט מאָרגן, שכן, וואָס זענט איר אַזוי פרי שוין אויף?
— אַ גוט מאָרגן שכן, אָט אַזוי. דאָ שטיי איך טאַקע, כ'וואַרט אויף אייך, כ'האָב אייך וועקן שוין געוואָלט.
— וואָס איז דען, שכן? איר זעט מיר טאַקע אויס צומישט.

איז עמיץ נישט געזונט ביי אייך אין שטוב, אָדער איר גאָר,
איר אַליין?

— נישט דאָס. נישט דאָס איז, שכן, נאָר אַ בשורה וויל איך
אָנזאָגן אויך אייך, אַ שווערע, שוואַרצע בשורה, וואָס
איז מיר איינגעפאַלן נעכטן נאַכט, ווען אייער פענצטער
האָט געלויכטן, קינדערלעך געזונגען האָבן און גע-
לאַכט: מיר שטאַרבן, שכן. אַלע, שטאַרבן מיר.

און ער פאַרברעכט די הענט און וויינט, מיין שכן. און מיין
שכנס הונט האָט זיך אַריינגעמישט און אַ ביל געטאָן
האָט זיין קודלאַטער קאָפּ אין דער שטילקייט פון פרי-
מאָרגן: האַו, מיר שטאַרבן, שכן, האַו! מיר שטאַרבן.
און אויף איינמאָל האָט דאָס האַרץ אין מיר אַ ביל געטאָן
פון צער.

און אַזוי האָב איך אַריבער גאַס געשריגן צו מיין שכן:
— און אויב מיר שטאַרבן, שכן, טאָרן מיר נישט רויק זיצן,
לאָמיר גיין און לאָמיר רופן,
אַלע, אַלע וועלן מיר צוזאַמענרופן,
אין די גאַסן וועלן מיר שרייען:
מיר שטאַרבן, מיר שטאַרבן,
(און דער הונט האָט ווידער זיך אַריינגעמישט: האַו —
מיר שטאַרבן)

און אויב מיר שטאַרבן, לאָמיר זיך צוזאַמענגעמען.
אַלע, אַלע — ווי מיר זענען,
יידן און גוים צוזאַמען,
מענטשן מיט חיות צוזאַמען,
חיות מיט ביימער צוזאַמען

און בוימער מיט די ווערעם.
און צו אַ משפּט וועלן מיר אים רופן,
מיר עדה פון דער ערד.
מיר עדה פון דער וועלט.
און אַ רוף זאָל גיין אַזאַ:
קום שטאַרבנדיקער, קום,
ווער דו ביסט און פונוואַנען דו ביסט,
לאָמיר מער נישט שטאַרבן אומזיסט!

דערהערט אַזעלכע ווערטער האָט דער שכן מיינער אַן אַלטן
זאַק אויף זיך גענומען און אַ שטעקן אין דער האַנט
און אַ שטיק ברויט הינטערן אָרעם און איז פון זיין
שוועל אַרויסגעקומען, און דער הונט איז אים מיט אַן
אַראָפּגעלאָזטער מאָרדע נאָכגעגאַנגען.

און צו מיין שלאָפנדיק ווייב
און צו די שלאָפנדיקע קינדער בין איך צוגעגאַנגען.
אויפגעריסן זיי פון שלאָף און געהייסן זיך אַן אַלטן מאַנטל
שוין דערלאַנגען
און אַלע זענען מיר ציטערנדיק פון קעלט פון שטוב אַרויס־
געגאַנגען און צו אונזער שכן צו.

מיין שלאָפנדיקן זון האָב איך אויף מיינע אָרעמס אויפגעלאָדן.
און מיין ווייב האָט זיך מיין טאָכטער אויפן האַלז אַרומגעהאָנגען.
און דער שכן מיט דעם הונט;
קאַלטער מערק־ווינט האָט לענגאויס די גאַס געבלאָזן,
האָט זיך אויף אַ רגע אויף דעם ראָג געשטעלט.

זיך אַרומגעקוקט, זיך אַ דריי געטון
און מיט דער בית־עולם־גאַס אַוועק,
און לענגאויס די שטילע גאַס, און לענגאויס דעם וועג פון ווינט
זענען מיר אַוועק.
און גייענדיק אינמיטן גאַס האָב איך מיך אַלע ווײַלע אָפּ־
געשטעלט
און אַזוי גערופן:

לאָמיר שטעלן דעם טויט פאַר אַ משפט
לאָמיר עפענען אונזערע מײַלער,
אויף אַלע זיבעציק מענטשן־לשונות,
אָ, מיר, מיר חיות, מיר שטומע,
לאָמיר גיין צו שלמה המלך,
ער זאָל אונזער לשון פאַרטײַטשן,
לאָמיר עפענען אונזערע מאַרדעס, שטשירען די ווייסע ציין,
ליגן אויף אונזערע באַוואַקסענע קניען,
לאָמיר זאָגן און לאָמיר אים קלאָגן
די שרעק פון אונזערע גרויסע נאַרישע אויגן —
מיר שטאַרבן, מיר שטאַרבן.

און ס'זענען זיך חיות צוזאַמענגעלאָפן,
פערד פון די וועגן, קי פון די שטאַלן,
הינט פון די קייטן,
און שוואַרצע ליפן פון אַן אַלט פערד
האָבן אַזוי זיך צעהירזשעט:
אַ מאַנטל פון שוואַרצע קרעץ וואַרפט ער אויף אונז אַרויף
און מאַכט אונז טויט.

אַ רויטן זאַק פון אונזער בלוט וואַרפט ער אונטער אונזערע פיס,
ווערען זיי וואַקלדיק, ווערען זיי טויט.
ער שפּאַלט מיט שטאַבעס פון אייזן אונזער מוח דעם געטרייעם
אין טונקעלע זעק און אין טייכן דערשטיקט ער אונזערע
געשרייען —

און דעם שכנס הונט איז געפאַלן אַריין אינמיטן די רייד —
האָו — אַזוי, מיין באַלעבאָס,
האָט די מאָרדע געטון אַ לאַנג אויסגעצויגענעם בלאָז,
אַזוי ווי דער מערצענער ווינט.

און מענער פון נידריק־פּאַרשטעטישע הייזער:

מיר זענען אַטלעטן מיט שטיינערנע לייבער און ווילדע אויגן,
ער פּרוווט זיך מיט אונז, נעמט זיך מיט אונז פאַר די לענדן,
לייגן מיר אים איינמאָל און נאָכאַמאָל אויף זיינע ביינער־אַקס־
לען אַנידער,
ביים ליכט ציט ער אָפּ און אינמיטן דער נאַכט קומט ער ווי־
דער צוריק,
קריכט אונז אַריין ווי אַ זשאַווער אין בלוט, ווי אַ שלאַנג
אינם האַרץ
און פרעסט אונז הויל צו די שונאימס שפּאָט און שפּאַס
און קאָלערט אונז אין מיסט אַריין, ווי אַ צעלעכצנט פאַס.

און זונות,
מיט שוואַרצע טיכער די קעפּ פאַרוויקלט,
זענען פאַרווייבט אונז אַקעגנגעקומען:

אונזערע הענט זענען דורכזיכטיק-דין,
נישט בלוט, נאָר פּאַרפום פליסט אין אונזערע אָדערן,
אונזערע מײַלער, געעפנטע בעכערס, פאַלש איז דאָס רויט
פונם ראַנד,
אין אונזערע פאַלשע ליפּן קושן די שטאַרבנדע מענער דאָס
לעבן,
און צו די דרײַסיק פרילינגען קושט אונז דער טויט, דער אַל-
טער מאַן,

ער לייגט זיך שלאָפן אויף אונז,
אויף אונזערע הענט און אויף אונזערע פיס,
ער איז אַזוי אַלט און בצוואָקסן מיט שטעכיקע האָר, ער איז
דער לעצטער געליבטער,
שלעפּט אונז אַפער פון אים, שלעפּט אונז פון אים אַפער!

און קינדערלעך האָבן לשון באַקומען
און האָבן דעם שטילן פרימאָרגן
צווישן שטומע מויערן און גרויע טויערן
מיט שאַרפע קוויטשן אויף שטיקער געשווירן:
מיר ליגן, ליגן און גליען מיט היץ,
קומט ער פלוצים צום פענצטער צו,
זעט מען אים הענגען פון יענער זייט גלאָז,
די נאָז ביים גלאָז צעפּלעטשט
די אויגן ברענען,
וואַרגט אונזערע שטימעלעך אויס מיט שרעק
און דורך די צעעפנטע העלזעלעך שטומע נעמט ער נשמהלעך
פון אונז אַוועק.
אונזערע מײַלעכלעך הייסע פון היץ.

קענען די מאַמעשע מער שוין נישט רופן,
און ער נעמט אונז פון די בעטלעך אַרויס
אין איין העמדל בלויז
אויף יענער זייט פענצטער, יענער זייט וואַנט
צום ווינט,
וואָס וואָיעט און שפּרינגט.

און אַלטע האַרן, רייכע האַרן,
שווערע האַרן שאַרן מיט די גרויסע פיס
און קומען גלייך אויף אונז,
האָבן מיט באַסאָווע קולער
אַזוי ווי מיט דומפּיקע קלעפּ אויף שאַרבוינעס
אין דער סטעליע פון הימל געזעצט:
מיר וואוינען אין שטיינערנע אַלטע פּאַלאַצן,
פּאָרן מיט זעקסער-געשפּאַנען
שלאָפן אין זילבערנע בעטן, טרינקען פון גאָלדענע קרוגען
שווערן באַיאָרטן ווייַן
און אין אונזערע קעלערס וועט מען אונז לייגן
מיט אונזערע שטשורעס.
מען וועט די גערעדים פון גראָבע בייכער אונז שניידן
און טרוקענען וועט די הויט און דער ביין
אַליין
אין בלייערנע טרומנעס, אין שוואַרצן ריח.

און ווייבער זענען דעם וועג אונז פאַרלאָפן:
מיר פערציק-יעריקע ווייבער,
מיר זענען הייגט פרי געגאַנגען אין מאַרק,

געגאַנגען ווי אַלע טאָג,
אָבער קיין מען האָט נישט מער געקוקט אויף אונז און אויף אונזער לייב.

ס׳איז היינט פּאַרוויאַנעט געוואָרן,
מיר וועלן שטארבן, שטאַרבן.

און מענער פון איבער זעכציק יאָר
האָבן געפּליקט זיך די גראָע האָר,
אַזוי ווי די ווייבער פון די קעפּ,
פון זייערע שטאָלצע, מענערישע קאָפּ:
אין אונז איז נאָך פרילינג, אין אונז איז נאָך קראַפט,
און דער טויט קומט צו אונז יעדע נאַכט צו גיין,
און לייגט אויף דעם האַרצן אַרויף אונז אַ שטיין —
איז ער גליטשיק און שווער און נאַס.
צו ווייבער רייסט אונז און ס׳רייסט אונז צו קראפט
און דער שטיין דריקט אונז צו יעדע נאַכט צו דער ערד.
און מיר טוליען צו אונזערע ווייבער זיך צו,
צו אונזערע אַלטע ווייבער, צו אונזערע סקעלעטן
אין אונזערע קאַלטע בעטן,
וויינען זיי שטום און וואָיען אַ שטילע
ווידוי־תפילה.
מיר האָבן געהערט,
אַז איר האָט דאָ דעם טויט, אויף לעבן און טויט,
אַ קריג דערקלערט,
זענען מיר אַלע געקומען צו גיין,
אַלע, ווי איין זעכציקיעריקער מאַן,
צו פירן קריג דאָ האַנט ביי האַנט

איבערן טויט

מיט אייך ביינאַנד!

און פון אַ ווייסער אַ מיידלישער שטוב
האָבן מיר פּלוצים דערהערט אַ געזאַנג,
וואָס איז דין געוועזן ווי אַ געשריי:
לאָז מיך, מאַמע, לאָז מיך אַליין
צו גיין אין דער וועלט אַריין מיט אַ געוויין,
נישטאָ אַזאַ האַרץ און נישטאָ אַזאַ שטיין,
וואָס זאָל נישט דערהערן מיין מיידל-געוויין.

און אין איין ווייסן לאַנגן העמד
איז זי געקומען אַליין און פאַרשעמט
זיך געשמעלט צווישן אַלטע ווייבער.
און איר מאַמע איז פאַר איר געגאַנגען פאָרויס
און דערנער געשפרייט פאַר אירע פיס,
די דערנער פון איר געשלוקערצט געוויין.

און אַז מיר זענען שוין ביים סאַמע עק פון שטאָט געוועזן
איז צו אונז פון אַן אַלטער שטוב אַן אַלטער מאַן אַרויסגעקומען
איינגעהויקערט און פאַרדאַרט.
אַזוי ווי אַ פליג צווישן בלעטער פון אַ בוך צודריקט און פאַר-
שטאַרט,
און פון אַ גאַמבע, אַ אָנצאָניקער
איז אַ קול צו אינז געגאַנגען ווי נישט זיינס:
דאָס גאַנצע לעבן האָב איך אין די ספרים נאָכגעזוכט,
און אין די פאַלדן פון מיין מוח האָב איך ביי דעם שוואַכן
ליכטל פון מיין גייסט

טאָג און נאַכט געבלעטערט,
די חכמים פון דער וועלט האָב איך פאַרגעטערט,
און צו די נאַראָנים האָב איך מיך אַליין געציילט,
און אויסגעבלעטערט האָב איך נאָר איין טענה,
איינע.
איין איינציקע און אַ גרויסע,
געמט נישט פאַר אומגוט, וואָס איך מיין נישטיק צונגען־מילעכל
ווערט זי אַזוי נישטיק קליין.

און אַז איר וועט דאָרטן היינט
איבער דעם טויט צום משפט שטיין,
זאָלט איר אויך די טענה מיינע
אויף דער וואָג פון דער גערעכטיקייט,
אויף דער שולדיק־זייט אַרויפלייגן.
און זאָגן זאָלט איר דעם, וואָס איר וועט היינט דאָרט משפטן,
(און איך זאָג אייך, אַז ער איז גאָט!)
און פרעגן אים: צו וואָס
ער האָט אונז אָפּגעבונדן, אונז באַשעפענישן,
פון דער ערד?
פלאַנצונגען, אין ערד באַגראָבענע, זענען מיר געווען,
דער קאָרען אין דער ערד און דער שטאָם אויך אין דער ערד.
האָט ער דעם שטאָם אָפּגעבונדן אויף אַ ווייל
און געלאָזט די זון אַ ווייל אויף אים דאָרט שיינען,
און קוים דערוואַרעמט האָבן מיר זיך נאָר,
האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט
און ציט אַראָפּ צו ערד צוריק,
און באַלד וועט ווידער אָט דער שטאָם און אָט דער דאַרער קאָפּ
צובינדן צוריק זיך צו דער ערד אַוווּ זיין קאָרען שטעקט.

און מיט יעדן וואָרט האָט זיך
דער אַלטער קאָפּ
גענטער צו דער ערד געשפּאַרט
און אָנגערירט זי נאָענט, און אָנגעשפּאַרט זיך האַרט,
און אינגאַנצן שטיל געוואָרן.

און איינער איז פון אונז צוגעגאַנגען נענטער צו דעם מאַן
און צו דער ערד איז ער מיט די פינגער זיינע צו
אויפצוהייבן זי,
די צוואה פון דעם אַלטן מאַן,
(זי האָט זיך פון זיין רעכטער האַנט אַרויסגעשיט)
און צובּרענגען זי צו דער וואָג פון דער גערעכטיקייט,
דאָס לעצטע ביסל אַש פון ווערטער און פון חכמה פון אַן אַלטן מאַן.
און נייגיריקע האָבן מיר
אין דעם שעלעכל פון הענט פון דעם שליח אונזערן אַריינגעקוקט
און געזען מיט שרעקן האָבן מיר
אַביסל שוואַרצע אַש,
און אַ ריח האָט פון דעם פאַרקוילטן גייסט געזעצט
ענלעך צו דעם ריח פון פאַרקוילטן פלייש.

מיר זענען ווייטער געצויגן.
און אַלע האָבן מיר געוווסט שוין, אַז מיר גייען אויפזוכן דעם טויט
און משפּטן אים דאָרט, ווו ער וווינט מיט די מתים.
אין אַלע קברים צוזאַמען,
אין יעדן קבר באַזונדער.
און ווייטער גייענדיק זענען מיר
פון די גרויסע גאַסן פון דער שטאָט אַרויס,

און צו די קליינע געסלעך הינטער שטאָט
און נעגטער צום בית־עולם צו.

און פון אַ נידעריקן פענצטער ביי דער ערד
האָב איך פּלוצים קולות גוט־באַקאַנטע, שטילינקע דערהערט:
— זע, אַלטיטשקע, אונזער זון טראָגט אונזער אייניקל אויף די הענט.
— זע, אַלטיטשקער, עפּעס גייט אַ ווילדע מחנה דאָרט,
און אונזער זון לויפט, ווי אַ ווילדער, פאַר דער מחנה דאָרט
פאָרויס.

בין איך צו דעם פענצטערל פון מיין טאַטע־מאַמע צו,
— טאַטע־מאַמע מיינע, זאָג איך שטיל צו זיי,
לעבעדיקע קברים מיינע,
לעבנס־ליכטלעך צוויי,
וואָס דערלעבן און דערברענען אין די לייכטערלעך אין די
צוויי צעבראָכענע.

קומט, לעבעדיקע קברים־מיינע, טאַטע־מאַמע מיינע,
צו דעם בית־הקברות קומט,
עדות וועט איר דאָרטן זיין.
אייער זון האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דעם טויט
און גייט אים משפּטן.

האָט די מאַמע דאָס שטערנטיכל אָנגעטון אויף איר גרויען קאָפּ.
און דער טאַטע האָט דאָס גרינלעך־שוואַרצע שבתדיקע בגד
אָנגעטון.
— קום, אַלטע, וועל מיר דאָרטן עדות זיין
אויף דעם גרויסען משפּט, וואו עס רופט אונז אונזער זון.

און מיט מינעס שטילע, הייליקע, ווי אין שול אַריין, זענען
די צוויי לעבעדיקע קברים מיינע
שטילע מיטגעגאַנגען צו דעם גרויסן יום־טוב און דעם גרויסן
משפּט.

און פאַר אַ טויער פון אַ שטיינערנער פאַבריק
זענען אַרבעטער געשטאַנען גרייט שוין צו באַגעגנען אונז
און מיטצוגיין מיט אונז;
און אַ וואונדער האָבן זיי דערציילט,
אַז דאָס גרינלעך ווייסע ביימל, דאָס האַלב טויטע,
וואָס איז אינמיטן הויף געשטאַנען
אַז עס האָט דערהערט,
אַז מען גייט דאָרט משפּטן דעם טויט,
האָט עס פּלוצים אָנגעהויבן רעדן,
דאָס האַלב־טויטע ביימל,
און געבעטען האָט זיך עס:
רייסט מיך אויס און נעמט מיך מיט,
איך וויל דאָרט אויך אַן עדות זיין
אויף דעם גרויסן משפּט פון דעם טויט!
האָט מען אים צוליב געטון און עס מיטגענומען,
און מען טראָגט עס איצט מיט די טויטע בלעטער,
ווי אַ טויטע פאָן,
ווי אַ גרינלעך־ווייסע.

און ווי אַ גאַנצע גאַס די ברייט,
און ווי אַ האַלבע גאַס די לענג,
איז אונזער מחנה שוין געווען,

און אַלי׳מ׳ל אומרואיקער,
און אַלע מאָל געבויגענער צו דר׳ערד.
אַזוי זע׳מיר אָנגעקומען צום גרויסן שטאָט-שפּיטאָל.

און אין זיין טיפן טויער אין שאָטן פון טיפן פרימאָרגן
שטייען צוויי שוואַרצע געשטאַלטן און קלינגען צום וועכטער.
— עפנט, פאַרשאָלטענער וועכטער, איך דאַרף דאָ אָפּערירן!
— עפנט, אַלטער באַקאַנטער, עפנט די טירן,
עס ווילט זיך נישט גיין דורך די פענסטער!

און ס׳האָט די מחנה דעם שר-המות דערקענט, און אין
האָט זי אַ געשריי געטון:
צום משפט, איידעלער האַר,
צום משפט, אַלטער שר.
פאַר אַלע לעבנס און פאַר
אַלע מענטשנס צער,
צום משפט אויף דעם בית־עולם אַרויף!

און ווונדערלעך, ווונדערלעך איז ער, דער שמייכל
אויף דעם ביינערדיקן, קלוגן פּנים
פון דעם שר־המות.
און די הענט הויבט ער אויף אין דער הויך,
און ווערטער ווי מעסערס,
בליצן אַרויס פון זיין קלוגן מויל.
— שוועסטער און ברידער, דאַמען און הערן, — רעדט ער
גאַלאַנט —
דער זין פון דעם דעם לעבן איז קיינעם פון אייך נישט באַקאַנט.

געערטע דאמען און הערן.
נאָר קלאָר איז מיין זין און דייטלעך מיין טון,
און גוצלעך איז מיין באשטימונג.
איך בין אייער אונטערטעניקער דינער,
און בין א געטלעכער קאָמיסאַר,
איך בין דער מאָנער פון דער ערד,
און ערלעך, ווי איר אַלע זענט,
און ריין זענען מיינע ביינערדיקע הענט.
איר ווילט אַ משפט? שוין בין איך גרייט.
בינדט מיר די הענט,
און גיט מיר נאָר עטלעכע רגעס ראָס וואָרט,
איך שטעל מיך אין יעדער שעה
און אויף יעדן אָרט!

און אַלע זענען אנטשוויגן געוואָרן,
און דער שר האָט זיך צו מיר
אין דער ערשטער שורה געשטעלט
און גאַלאַנט האָט ער מיר געזאָגט:
— דיין זון איז דיר שווער אויף דיינע הענט,
איך האָב שוין נישט איינמאָל קינדער אין שלאָף געטראָגן
אויף מיינע הענט,
שווער זענען קינדער אין שלאָף,
און דו ביסט מיד, מיין האַר,
גיב מיר אויף אַ רגע דיין קינד,
איך וועל עס דיר העלפן טראָגן, האַר — —
און ווילדער טרערן־שוידער האָט מיין האַרץ צעשניטן:
— איך דאַנק דיר, שר, איך דאַנק דיר, שר!

האָב איך מיט ווילדע געשרייען געזאָגט.

— און אָט איז דער טויער און אָפן שטייט ער
און מיר זענען אַלע אַריין
האָבן אינמיטן בית־עולם זיך אַלע אָפּגעשטעלט,
און זיך אויף די קברים פונאַנדערגעזעצט.
אַ מחנה קראָען איז אָנגעפלויגן
און האָט דיביימער אַרום באַזעצט.
— דאָס זענען טויטע נפשות, היטער פון כּויט
(רעדט איינער צום אַנדערן שטיל).

און אויף דעם ביינערנעם פּנים פון שר
שטייט אַ שטילער שמייכל איינגעשניטן
טיף.
ווי אין מענטשלעכע פּנימער שניידט זיך איין
אַמאָל אַ טיפער צער:

— די צייט איז טייער, זי גייט צוזאַמען מיט דער זון,
משפּט מיך אָפּ, איך בין גרייט.
כ׳בין גרייט צו ענטפערן פאַר די קינדער, וואָס איך האָב פון
די וויגן געריסן,
צו ענטפערן פאַר די נייגעבוירענע, וואָס דער מאַמעס בלוט
האָט אויף זיי נאָך געקלעבט, ווען כ׳האָב זיי אַוועקגעריסן,
צו ענטפערן פאַר די, וואָס כ׳האָב זיי מיט מעסערס צעשניטן,
איידער די שיין איז געפאַלן אויף זייערע אייגעלעך נאָך,
צו ענטפערן פאַר די מענער, וואָס כ׳האָב אויף פאַרפרוירענע
פעלדער צו געפאַלענע זיילן געמאַכט,

צו ענטפערן פאַר די מענער, וואָס איך האָב אין זודיקע קעסלען
געשליידערט און אָפּגעקאָכט צוזאַמען מיט דעם העמד
אויף זייער לייב,

צו ענטפערן פאַר די, וואָס כ׳האָב מיט שפּיזן און מיט קוילן
אויף שלאַכטפעלדער צעשפּיזט,

צו ענטפערן פאַר די, וואָס כ׳האָב אין זייער יאוש פון די
העכסטע בריקן פון דער וועלט אין שוואַרצן וואַסער־
שטראָם געשליידערט,

צו ענטפערן פאַר פרויען, וואָס איך האָב אויף האַקעס אין די
קיכן אויפגעקניפּט,

צו ענטפערן פאַר די, וואָס כ׳האָב אין פוילער היץ געהאַלטן
פריילינגצייט און אויסגעזאָגט זיי ביז צום לעצטן אָטעם,

צו ענטפערן פאַר די, וואָס כ׳האָב זיי הונדערט יאָר אויף דער
ערד אַרומגעשלעפּט, מיט גאָלד באַשאָטן, מיט קינדער
באַשענקט און שפּעטער אַוועקגעשליידערט אויף אַ
מיסטקאַסטן אָדער אונטער די רעדער פון אַ שווערן וואָגן,

צו ענטפערן פאַר קינדער, וואָס כ׳האָב זיי אינמיטן שפּיל פון
פענסטער־געזימסן אויף דעם שטיינערנעם ברוק גע־
לאָקט און די קעפּלעך זייערע צעשפּאָלטן, ווי פלעש־
לעך מיט מאַרך און בלוט,

צו ענטפערן פאַר די, וואָס כ׳האָב אין פינסטערע נעכט געלאָזט
וואַשן זיך מיט בלוט פון האַרץ דאָס העמד, און
אויסגיין אין חרטה־כאָרכלען, שטום־רופנדיק נאָך הילף
פון מענטשן, וואָס כ׳האָב מיט שטיינערנעם שלאָף
באַוואָרפן דעמאָלט,

צו ענטפערן פאַר די, וואָס כ׳האָב זיי בלינד געמאַכט צוערשט,
כדי צו לאָזן זיי מיין שוואַרצן אָטעם פילן, וואָס

כ׳האָב אויף קאַלטע ראָגן פון די גאַסן דאַן צעלייגט,
מיט אַמאָליקע שטאָלצע קעפּ ביי פרעמדע שטיוול. און
שפּעטער האָב איך זיי דאָס פלייש אפיר פון הינטער
זייער הויט געצויגן מיט מיין האַנט, פּונטנווייז, טעג־
ווייז, ביז זיי זענען, ווי אַ שלאַבעריקער זאַק מיט
ביינער אויף דער גאַס געבליבן ליגן.
צו ענטפערן פאַר די, וואָס זענען זינגענדיק און מיט פאַררי־
סענע קעפּ געגאַנגען אין מלחמות פאַר זייערע געטער,
און כ׳האָב אַ רגע פאַרן זיג זיי די קעפּ ווי מיט אַ
חלף, לייכט פון האַלז אַראָפּגעשליידערט. ווי אַ פרי־
לינגצווייג מיטן ווינט פאַרטראָגן.
צו ענטפערן פאַר די׳, וואָס כ׳האָב זיי מיילן־טיף אין שאַכטן
אונטער ערד געדריקט און לאַכנדיק מיט גרודעס
דאָרט פאַרשיט, כדי זיי זאָלן בעטלענדיקע גאַרן שוין
וואָס גיכער נאָך אָט דער אָ שוואַרצער האַנט.

דאָ האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו אַן אַלטער מאַמען,
וואָס איז ביי זיינע פיס געזעסן.

— צו ענטפערן פאַר דיין לעצטער טרייסט, דיין זעקסטן זון,
וואָס כ׳האָב אין דער ערד אַריינגעאַקערט
אויף יענער זייט פון ים,
ווען דו ביסט פול חלומות רויק היינט ביינאַכט געשלאָפן.

און די מאַמע בלייבט שוין אָט אַזוי ביי אים,
לאָזט דעם קאָפּ צו זיינע פיס אַראָפּ
און כליפּעט שטילערהייט.

און ווידער שניידט זיך איין
דער שמייכל אין זיין פּנים
און ווערט פאַרשטאַרט
און האַרט,
ווייס, און ווי אין העלפאַנטביין געשניצט.

— שוועסטערן און ברידער, דאַמען און הערן,
(רעדט ער ווייטער וואָרט ביי וואָרט שטיל און עלעגאַנט)
דער זין פון דעם לעבן איז קיינעם פון אייך נישט באַקאַנט,
דאָס איינע ווייסן מיר אַלע, דאָס איינע איז דייטלעך און קלאָר.
דאָס איז דאָך די איינציקע וואָר.
וואָס מיר זאָגן עס איבער איינער דעם צווייטן, אַ שעה נאָך
אַ שעה, אַ יאָר נאָך אַ יאָר
און אַ דור נאָך אַ דור.
אָבער די שליחות פון דעם קאָמיסאַר,
(וואָס שטייט דאָ צום משפּט פאַר אייך,
אייער אונטערטעניקער קנעכט און אייער געאַכפּערטער האַר)
איז נישט, ווי דאָס לעבן — אַ טויבע וואַנט —
זי איז אי פרייהייט, אי גליק, אי אַ לאַנד,
וואָס האָט נישט קיין גרענעצן מער;
משפּט נישט בלינד, ווילד, אומגערעכט,
עס פּאַסט נישט פאַר אייך, מיינע דאַמען און הערן,
צו משפּטן בלינד אייער האַר, אייער קנעכט —
פרעגט אויס די עדות, דאָ איז דער לעגיאָן,
ליגט טראַכטנדיק רויק ביי אייערע פיס
ליגט שוין אַ לאַנגע, אַ רויקע נאַכט,
האָט זיך געוויס שוין אַן ענטפער דערטראַכט,

פרעגט איבער די עדות, דאָ ליגט דער לעגיאָן אייך צופיסן,
משפט, ווי ס׳פּאַסט, מיט אַ רויק געוויסן!

און ווייטער רעדט ער און שטילער צו מיר:
— דו, מלך, דו דיכטער פון שטרויענע לידער,
דו, אָרימער מאַן מיט לידער אין טייסטער,
דו, איינגערעדטער מייסטער
פון ווערטער, וואָס זענען ווינט,
דו האָסט דעם משפט אינסצענירט,
און די אַלע מאַמעס און חיות אַהערגעפירט,
רעד! איצט איז דער סדר דיין,
די צייט איז טייער, זי גייט מיט דער זון,
רעד, מיין דיכטער, מיין מלך, מיין זון!

— ווי אַ שטיק פעלזן, וואָס רייסט זיך אָפּ פון אַ שטיינער־
נעם באַרג, און פליענדיק שרייט ער צו טאָלן און צו
די בערג אַרום, און צו די וועלדער, טייכן און חיות
אַרום, אַז אויך שטיינערנע ריזן ווערן דערהרגעט און
שטאַרבן אַוועק,
אַזוי האָט זיך אַ שטיק פון מיין לעבן, אַ טאָג פון מיינע יאָרן,
אָפּגעבראָקלט היינט. מיט געפילדער האָט ער דורך מיין
גאַנצער לעבנסלענג געקריצט — אויסגיין גייט עס
און שטאַרבט אַוועק —
אַזוי האָב איך אַלע, אייך, אַלע צוזאַמענגערופן, ווייל היינט
אָדער מאָרגן וועט דאָס אויך אַ קריץ טון אויף דער
געשליפענער פלאַך פון דעם שפּיגל פון אייער זיין.
שטייניקט מיך נישט פאַר דעם אַ־צטיקן וואָרט,

פייניקט מיך נישט פאַר דער איצטיקער טאַט.
אָ, מיין האַרץ, וואָס איז דען מיין האַרץ?
עס איז אַ קרוג מיט בלוט, וואָס האָט זיך שוין נישט איינמאָל
אויסגעגאָסן צו וואַשן די שטויביקע פיס פון געטער,
און שפּעטער איז עס אויסגעליידיקט, אויסגעטרוקנט, אויסגע-
גלויבט
ווידער אונטער דער זון פון גלויבן געשטאַנען,
אַזוי ווי אַ קרעציקע חיה,
און ווידער געלעקט די שטראַלן,
וואָס האָבן זיך, ווי אַ ליכטיקער רעגן, ווידער אויף אים געגאָסן
און ווידער עס פול געמאַכט,
צו וואַשן די פיס פון אַ נייעם גאָט.

אָ, מיין מוח, וואָס איז דען מיין מוח?
ער איז אַ שווערער, פוילער אַנקער, וואָס שלעפּט זיך נאָך דער
שיף פון מיין זיין.
און די שיף פון מיין זיין איז פוסט און האָט נישט קיין האַפן
און נישט קיין היים.
וואַרפט זיך דער אַנקער פון מיין מוח, פויל ווי אַ פיש, אַ
געאַנגלטער מיט זיינע לעצטע כוחות.
ברעגעס דערזעט ער פון וויטן, פאַראַנקערן וויל ער זיך אויך.
באָר אַלע מאָל מער פאַרבלוטיקט, אַזוי ווי דער פיש דער גע-
אַנגלטער,
צייכנט אין וואַסער ער רויט די שפּורן פון זיין וועג,
און פאַלט צוריק צו דער פוסטער שיף פון מיין זיין.
ער איז שוין ביי די ברעגעס פון פרייד געוועזן,
ער האָט זיך שוין צו די ברעגעס פון דער חכמה געוואָרפן —

און אַפילו פון די ברעגעס פון יאוש האָט עס אים בלוטיק
צוריקגעשליידערט.

וואָס איז דען מיין מוח —
אַן אַנקער, וואָס די פוסטע שיף פון מיין זיין וועט אַמאָל אײַנ־
מיטן ים אָפּשניידן פון זיך און פאַרזינקען אין דער
טיף.

זענען די הענט נאָר געבליבן, וואָס טאַפּן דאָס לעבן אַרום,
וואָס שלאָגן זיך אָן ווי חיות מיט אויסגעבערנטע אויגן
אָן אַלץ וואָס זיי טרעפן אָן,
אַלעמאָל אַ דומפּיקער קלאַפּ אין דעם סאַמע שאַרבן,
און פון אינעווייניק ענטפערט אַ געשריי — שטאַרבן.
זענען געבליבן נאָר די אויגן, וואָס קלאַמערן זיך אין די גלייכע
ווענט אַרום, ווי חיות אין פאַל־גריבער, און פאַלן
אַלעמאָל אויף דעם דנאָ צוריק.
איז געבליבן נאָר דער אָטעם, וואָס רייסט שטיקער וואַרעמקייט
און שטיקער ליכטיקייט און שטיקער ווינט אין זיך.
איז געבליבן נאָר דאָס פעסטע געפּיל פון דעם סקעלעט מיט
מענער־פלייש באַוואַקסן, וואָס גאַרט אַרומצונעמען
נאָך אַזאַ סקעלעט מיט ווייבערפלייש אַרומגעלייגט.

מיינע ברודערס! מיינע שוועסטערן,
לייגט די הענט צו אייערע הערצער צו
און זאָגט, צי זאָג איך ליגן!
אין אָט אָ די ווערטער מיינע איז דאָך אַלץ,
אַלצדינג שוין געזאָגט.
אין אָט אָ די ווערטער מיינע
איז דאָך דאָ

איבערן טויט

שוין דאָס לעצטע וואָרט — —

ברידער!
און ער, אָט אָ דאָ,
וויל פון אונז דאָס לעצטע נעמען!
דעם גייסט האָבן מיר ביי אַ טונקעלער וואַנט צעבראָכן,
פאַר גאָט,
און ער דער טויט,
וויל נעמען דאָס פלייש.

ברידער!
מיר וועלן זיך ארומרייסן מיט אונזערע הענט,
יעדער איינער זיך אַליין,
אַזוי ווי מיט שטאָלערנע רייפן,
און וועלן ניט לאָזן נעמען דאָס פלייש,
מיר וועלן נישט געבן
אונזער פלייש,
און אונזערע קינדער וועלן מיר קאָוועץ צו זיך,
מיט אונזערע רייפן, מיט אונזערע הענט,
מיר וועלן נישט געבן דאָס פלייש
פון אונזערע קינדער!

און ווען איך האָב דאָס לעצטע וואָרט געשליידערט
בין איך קאַלט געוואָרן,
ווי דער בוים אין אָסיען, ווען דאָס לעצטע בלאַט פאַלט
פון זיין לעצטן צווייג אַראָפּ.

דער טויט איז ווידער שטיל געשטאַנען,
די מאַמע, וואָס בײַ זײַנע פיס, האָט זיך אויפגעכאַפּט
ווידער כליפּענדיק.
באַר זײַנע אויגן זענען איצטער רויט געוועזן,
גליענדיק פון זון, פון דער אויפגײענדיקער
אַקעגן וועלכער ר'איז געשטאַנען
אויף אַ ווײַסער, מערמלשטײנערנער מצבה,
דער באַנק פון דעם באַשולדיקטן.

און אַ שטילער קריץ, אַן אונטערערדישער
האָט זיך איצט אַ ריס געטון,
דײַטלעכער און דײַטלעכער,
פריער, ווי דערשטיקט געוויין,
און שפּעטער, ווי דערשטיקט געלעכטער.
אָפּענער און אָפּענער,
לאַכנדיקער, דײַטלעכער,
האָט די ערד צעלעכערט,
צעביסן און צעטרײסלט זי,
דאָס געלעכטער פון די טויטע —
און פריער אײנציקווײַז, און שפּעטער מער און מער,
און פריער שעמעוודיק, און שפּעטער פרעכערע,
און פריער שטילינקע, בײַערדיקע, און אַלע מאָל אַלץ גרע-
סערע און העכערע
אַלע, אַלע, ווי איין מאַן, ווי איין ווײַב, ווי איין קינד,
זענען אַלע שוין געווען אויף דער אויבערפלאַך אַצינד,
האָבן בײַ די הענט זיך אָנגענומען,
אין אַ ענגן ראָד אַרום,

אַרום דעם טויט-געריכט,
און אין אַ צווייטן ראָד, אין אַ ברייטערן,
און אין אַ דריטן ראָד, אַ נאָך גרעסערן
אויף די ווייסע שאַרבנס און די ציין נאָך ווייסערע
האָט געבליצט מיט רויט,
זון — —
דער געלעכטער האָט געסקריפּעט,
אַזש די ציינער האָבן זיך געשיט
און האַרט געקלונגען אויף די שטיינער —

און איינער האָט אַרויסגעריסן זיך פון ראָד,
האָט אַ ווילדן שליידער
געטון די לעצטע שמאטע פּלייש,
וואָס איז אויף זיין רוקן נאָך געהאָנגען,
און אַ שמייך געטון
דאָס לעצטע בינטל האָר פון קאָפּ,
און איז געבליבן נאַקעט.
אויף דעם שטערנביין אַ קרייץ,
דער נאָזביין אויסגעקרומט
און פאָרנט פעלט איין באַנקער, ווייסער צאָן,
און צווישן ריפּנביינער צוויי
שטעקט אַ קויל פון שוואַרצן בליי.

— ברודער, זאָג איך, בלוט פון מיין בלוט אַמאָל,
ביין פון מיין ביין אַצינד,
זיבן יאָר דיך נישט געזען — —

— ברודער, זאָגט ער, בלוט פון מיין בלוט אַמאָל,
ביין פון מיין ביין אצינד,
זיבן יאָר דיך נישט געזען,
אָ, ווי דו ביסט אַלט געוואָרן,
גאָרנישט צום דערקענען מער,
מידע אויגן און אַן אַלטע, שלאַפע הויט.

— ברודער, זאָג איך, און דו?

און אַ שמייכל פליט, אַ בייסיקער, ווי תמיד,
דורך זיין שאַרבן דורך און ציטערט אין דער רויטער זון.

— יאָ, יאָ — מיין ברודער.
אָבער איצטער אין דער רגע בין איך דיר געקומען זאָגן
אינם נאָמען פון אונז אַלע,
וואָס מיר ליגן און מיר הערן דאָ דעם משפט דיינעם צו
איבער אונזער קנעכט און איבער אונזער האַר.
מיר האָבן אויסגעהערט און האָבן גוט באַטראַכט,
און האָבן אָט אָ דאָ דאָס ערשטע מאָל געלאַכט,
און האָבן דיר, מיין ברודער, אָט אָ דאָ געבראַכט,
דורך מיינע ווייסע ציין
אין דער העלער זון
איין וואָרט:
ניין!

האָב איך די אויגן טיף פאַרמאַכט,
אַראָפּגעלאָזט זיי אויפן דנאָ פון דער נשמה

איבערן טויט

צו שעפּן פונם טיפן קוואַל
נאָך אַ לעצטן אַרגומענט,
ווי עס לאָזט אַראָפּ אַמאָל אַ דורשטיקער מיט ציטערנדיקע הענט
אַ קרוג אין ברונעם —
און אַז איך האָב דעם בליק
אַ ליידיקן אַרויפגעבראַכט צוריק,
איז קיינער שוין נישטאָ געווען,
נאָר דער טויט,
אונזער גרויסער האַר, אונזער גוטער קנעכט —

און אויף די קניען האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט צו אים:
— איך ווייס נישט פאַרוואָס,
נאָר דו
ביסט
גערעכט.